Heb. 5 327

Peres

בעקאַנטע בילדער

# פערפרוירען געוואָרען!

פון

י. ל. פרץ

( 3 טע אויפלאַגע)

בהוצאת בית מסחר הספרים של יצחק פונק בווילנא

Heb. [illegible] 377

פֶערְפְרָאֵרין גֶעוָוארֶען!

# בֶעקַאנְטֶע בִּילְדֶער.

פון

## י. ל. פֶּרֶץ.

דריטע אויפלאגע

בהוצאות בית מסחר הספרים של יצחק פונק בווילנא.

ווילנא

שנת תרס"ג לפ"ק

БЕКЕНТЕ БИЛЬДЕРЪ, т. е. ЗНАКОМЫЯ КАРТИНЫ.

Соч. Л. Переца. Изданіе Исаака Функа въ Вильнѣ.

ВИЛЬНА.

Типографія Розенкранца и Шрифтзетцера.

Лидскій переулокъ, домъ № 2598—13.

1903.

Дозволено Цензурою Варшава, 23 Октября 1902 г.

## איינינע ווערטער פונ'ם הערויסגעבער

דער צוועק פון דער אויסגאבע איז: דעם לעזענדעם פובליקום צו געבען ביליגע ערצאהלונגען פון אונזער יודישען לעבען אין אונזער יודישען לשון, יעדער זאל זיי קאנען קויפען, לעזען און פערשטעהן.

מיר הייבען אן מיט די נאוועלען און בילדער פון אונזערן קאלעגע, הערן י. ל. פרץ. וועלכער איז שוין דעם עולם בעקאנט דורך זיין פאעמא: „מאניש" (פאלקס־ביבליאטהעקע, (שלום עליכם 1889) און איינינע נאוועלען (דארט 1890) און אויך אין „נייען וועקער" (אדעססא 1890).

ה' פרץ שרייבט נישט צו חנפ'ענען דעם גראבען געשמאק פון דער נידריגער קלאססע לעזער, פערקעהרט, ער וויל איהם פערפיינערן און אויסבעססערן. דאריבער געפינען מיר פאר ניט איבריג צו בעטען די געעהרטע לעזער, וועלכע זענען נאך ניט געוואהנט, אין א קליין זשארגאניש ביכעל, עפיס רעכטס צו געפינען, — זיי זאלען אונז זייער צוטרויען שענקען, אז מיר מיינען נישט נור דאס

גֶעשָׁאפְט אַלֵיין, וֶוען מִיר בַּאטְהֶען זֵיי דָאס בִּיכֶעל צוּ־
קוֹיפֶען, אָבֶער מִיר מֵיינֶען מֶעהר, זֵיי זָאלֶען דִיזֶע בִּילִיגֶע
עֶרְצֶאהלוּנְגֶען אוֹיךְ לֶעזֶען... לֶעזֶען מִיט כַּוָנָה, זִיךְ צוּקוּקֶען
צוּ דִי וֶוערְטֶער אוּנ צוּלֶעגֶען הֶערְץ אוּנ מוֹחַ צוּ דֶעם
גַאנְצֶען אִינְהַאלְט! וֶועלֶן זֵיי אוּנְז פָאלְגֶען, וֶועלֶן זֵיי גֶעוִויס
בַּאלְד אַלֵיין אַיינְזֶעהְן אוּנ עֶרְקֶענֶען אוּנְזֶער אֶמֶת׳ען צְוֶועק
מִיט דֶער „גְרָאשֶׁען בִּיבְּלְיָאטְהֶעק״. אַז מִיר וֶועלֶן זֶעהְן, אַז
מִיר הָאבֶען אַ פּוּבְּלִיקוּם, וָואס פֶערשְׁטֶעהט אוּנ קוֹיפְט
אַזֶעלְכֶע זַאכֶען, וֶועלֶן מִיר, מִיט גָאטְס הִילְף, דִי פֶעדֶער
פוּן דֶער הַאנְד נִיט אַוֶועגלֶעגֶען אוּנ וֶועלֶן אוּנְזֶער אָרֶעמֶע
זְשַׁארְגָאן־לִיטֶערַאטוּר בַּייכֶער מַאכֶען מִיט הוּנְדֶערְטֶען אַזֶעלְכֶע
עֶרְצֶאהלוּנְגֶען, וֶועלְכֶע וֶועלֶן יֶעדֶענְפַאלְס בִּילִיגֶער קָאסְטֶען
אוּנ מֶעהר נוּטְצֶען בְּרֶענְגֶען אַלְס דִי „הֶאכְסְט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע
רָאמַאנֶען״, וֶועלְכֶע הָאבֶען בִּיז אִיצְט אַזוֹי וִוי אַ רֶעגֶען
גֶעגָאסֶען אוּנ אַ סַךְ בְּלָאטֶעס אָנְגֶעמַאכְט.

מִיר הָאפֶען, אַז אוּנְזֶער אוֹיסגַאבֶע וֶועט זִיךְ אַלֵיין
צוּם גוּטֶען רֶעקָאמַאנְדִירֶען אוּנ זֶעלְבְּסְט דִי דָא אוֹיס־
גֶעשְׁפְּרָאכֶענֶע וֶוערְטֶער וֶועלֶן נִיט בְּלַייבֶּען אוּמְזִיסְט...

# דֶער מְשׁוּלָח.

עֶר נֶעהט, אוּנ דֶער ווִינְד צוּזָאנְט דִי פָּאלֶעם אוּנ דִי ווייסֶע בָּאְרד.

אַלֶע מָאהל חַאפְּט עֶר זִיךְ אָן מִיט דֶער רֶעכְטֶער הַאנְד אִין דֶער לִינְקֶער זַייט; עֶס גִיט אִיהם אַלֶע מָאהל דָארְט אַ שְׁטָאךְ. נָאר עֶר ווִיל זִיךְ נִישְׁט מוֹדֶה זַיין; עֶר ווִיל זִיךְ דַוְקָא אַייְנֶרעדֶען, אַז עֶר טַאפְּט נָאר בַּיי דֶער בֵּיזֶעם קֶעשֶׁענֶע.

— אִיךְ זָאל נָאר דֶעם קָאנְטְרַאקְט מִיט דֶעם גֶעלְד נִישְׁט פֶערְלִיעֶרען! אָט פַאר דֶעם מִיכְלוֹמֶרְשְׁט צִיטֶערְט עֶר.

— אוּנ אֲפִילוּ עֶס שְׁטֶעכְט, אִיז אוֹיךְ אַ נַארִישְׁקֵייט! אִיךְ הָאבּ נָאךְ, גֶעלוֹיבְּט אִיז גָאט, גֶענוּג כֹּחַ אוֹיף אַזַא שְׁלִיחוּת. אַנְדֶערֶע אִין מַיינֶע יָאהרֶען וֶועלֶען שׁוֹין קֵיין ווְיָארְסְט נִישְׁט אָבְּנֶעהן. נָאר אִיךְ, גֶעלוֹיבְּט אִיז זַיין לִיעבֶּער נָאמֶען, דַארְף נָאךְ נִישְׁט צוּ קֵיין מֶענְשֶׁען אוּנ פֶערְדִיעֶן מִיר אַלֵיין מַיין בְּרוֹיט... גֶעלוֹיבְּט אִיז גָאט, מֶען גֶעטְרוֹיעֶט מִיר גֶעלְד!

— וֶוען אִיךְ הָאבּ מַיין אֵייגֶענְס-טְרַאכְט עֶר וַוייטֶער- וָואס מֶען גֶעטְרוֹיעט מִיר, וָואלְט אִיךְ אִין שְׁלִיחוּת צוּ זִיבֶּעצִיג יָאהר נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען; נָאר וִויל דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַזוֹי. אִיז אַזוֹי גוּט!

עֶס הֵייבְּט אָן צוּ פַאלֶען גְרָאבֶּע פְּלַאכֶעס שְׁנֵיי; עֶר ווִישְׁט זִיךְ אַלֶע מָאהל דָאס פָּנִים.

— אִיךְ הָאבּ נָאךְ — טְרַאכְט עֶר — אִין גַאנְצֶען אַ הַאלְבֶּע מַייל, אָ וַוא! אוֹיךְ מִיר אַ נַאנְנ! אַ סַךְ נֶאהנְטֶער וִוי וַוייטֶער!

עֶר דְרֶעהט זִיךְ אִיבֶּער — מֶען זֶעהט שׁוֹין אֲפִילוּ נִישְׁט דֶעם שְׁטָאטִישֶׁען זֵייגֶער, נִישְׁט דֶעם קְלוֹיסְטֶער, נִישְׁט דִי קַא-זַארְמֶע, נוּ שְׁמַרְיָה, פָאהר!

אוּנ שְׁמַרְיָה פָאהְרְט אִין דֶעם נַאסֶען שְׁנֵיי, זַיינֶע אַלְטֶע פִּיס קָאפֶּען זִיךְ אַריין אוּנ אַרוֹיס. — גֶעלוֹיבְּט אִיז גָאט, עֶס אִיז קֵיין גְרוֹיסֶער ווִינְד נִישְׁט!

גְרוֹיס, הָאט אַ פָּנִים, בַּיי אִיהם גֶעהֵייסֶען נָאר אֵיין אוּבַאנַאן; דֶער ווִינְד אִיז גֶעוֶועזֶען גֶענוּג שְׁטַארְק אוּנ גֶעיָאגְט גְלַייךְ אִין פָּנִים אַריין, אַז עֶס הָאט אִיהם אַלֶע מָאהל אַטֶהֶעם פֶערְפֶּעהלְט; עֶר הָאט אִיהם אַרוֹיס גֶענַארְט אַלֶע טְרֶערֶען פוּן דִי אַלְטֶע אוֹיגֶען, אַז עֶס הָאט אִיהם גֶעשְׁטָאכֶען ווִי שְׁפִּילְקֶעס. נָאר אוֹיף דִי אוֹיגֶען לַיידט עֶר תָּמִיד!

פַארְן עֶרְשְׁטֶען גֶעלְד, פַאלְט אִיהם אַיין, קוֹיפְט עֶר זִיךְ ווֶענְס-בְּרִילֶען. — אַזוֹיגֶע גְרוֹיסֶע, קַאלֶעכְדִיגֶע, זֵיי זָאלֶען דִי גַאנְצֶע אוֹיגֶען פֶערְשְׁטֶעלֶען.

גָאט זָאל וֶועלֶען — טְרַאכְט עֶר — וָואלְט אִיךְ צוּ דֶעם

אויך גֶעקוּמֶען! עֶס זָאל נָאר זַיין אַלֶע טָאג אַ שְׁלִיחוּת, אוּנ וַייט, נָאר וַייט! גֶעהן, כ״ה, קָאן אִיךְ, וָואלְט אִיךְ מִיר שׁוין אָבְּגֶעשְׁפָּארְט אוֹיףְ אַ פָּאר בְּרִילֶען...

עֶר דַארְף אֲפִילוּ אַ שְׁטִיקֶעל פֶּעלְצֶעל אויךְ, עֶס וָואלְט אִיהם לַייכְטֶער גֶעוֶועז אויפְן הַארְץ... עֶר רֶעכֶענְט אִיבֶּער, אַז דֶערְוַוייל הָאט עֶר נָאךְ אַ וַוארֶעמֶע קַאפָּאטֶע!

— זִי זָאל זִיךְ נָאר נִישְׁט רַייסֶען, וָואלְט זִי נָאר וָואהל גֶעוֶועזֶען. עֶר שְׁמֵייכֶעלְט מִיט פֶערְגְנִיגֶען: דָאס, — טְרַאכְט עֶר — אִיז נִישְׁט קֵיין הַיינְטִיגֶע קַאפָּאטֶע, קֵיין קַייא אוּנ שְׁפַּיי, קֵיין שְׁפִּינְוֶועבְּס! נָאר פֶּערְצַייטִישֶׁער לַאסְטִינג; דָאס, וֶועט מִיךְ אִיבֶּער לֶעבֶּען! אוּנ אָהן אַ שְׁפַּאלְט, דָאס אִיז אויךְ אַ מַעֲלָה; זִי צוּפְלִיהט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי ווִי אַ הַיינְטִיגֶע סְחוֹרָה, אוּנ פוּן פָארֶענְט פֶערְלֵייגְט זִי זִיךְ אוֹיףְ אַ־ן־אֵייל! ...

— אַ פֶּעלְצֶעל — טְרַאכְט עֶר דָאךְ — אִיז אֵיינְגֶענְטְלִיךְ בֶּעסֶער, אַ פֶּעלְצֶעל אִיז וַוארֶעם, גוּט וַוארֶעם. נָאר אַלְץ פְּרִיהר בְּרִילֶען. אַ פֶּעלְצֶעל אִיז נָאר גוּט ווִינְטֶער אוּנ בְּרִילֶען דַארְף מֶען תָּמִיד, וָוארוּם זוּמֶער, אַז עֶס מַאכְט זִיךְ אַ ווִינְד אוּנ יָאגְט דֶען שְׁטוֹיבּ גְלַייךְ אִין דִי אוֹיגֶען אַרַיין אִיז אֶרְגֶער ווִי ווִינְטֶער!

אוּנ עֶס בְּלַייבְּט בַּיי אִיהם, אַז פְּרִיהר זֶענֶען בְּרִילֶען, דֶערְנָאךְ אַ פֶּעלְצֶעל! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל נָאר הֶעלְפֶען עֶר זָאל אָבְּגֶעהְמֶען דֶעם וַויין... אַ פִּיער גִילְדֶען וֶועט עֶר אַ נַבְאי חַאפֶּען...

אוּנ עֶר שְׁלַאפְט וַוייטֶער, אוּנ דֶער נַאסֶער שְׁנֵיי

פאטשט איהם אין פנים אריין, דער ווינד ווערד אלע מאהל שטארקער און די זייט שטעכט איהם אלץ מאהל מעהר.

— דער ווינד זאל זיך נאר וועלען איבער דרעהען! נאר מן הסתם — טראכט ער — איז אזוי גלייכער. צוריק צוועגס וועל איך מעהר מיעד זיין, וועל איך איהם דעמעלט האבען פון הינטען! א, דעמעלט וועט ער נאר אנדערש געהן! אלס פערזארגט! גרינג אויפ'ן הארץ!

ער האט זיך געמוזט אבשטעלען אויף א רגע און דעם אטהעם חאפען. דאס שרעקט איהם א ביסעל איבער:

— וואס איז אזוינס מיט מיר געשעהן? ווען האב איך מורא געהאט פאר א ווינד, פאר א פראסט? ווייניג פרעסט און ווינטען האב איך אויסגעהאלטען אלס קאנטאניסט?— פרעגט ער זיך טרויריג און האלב דערשראקען.

און ער דערמאנט זיך אן זיין סלושבע אלס ניקאלאיעווסקער סאלדאט. פינף און צוואנציג יאהר ריינע סלושבע אונטערן ביקס, חוץ די קינדערשע יאהרען אלס קאנטאניסט. ער האט זיך גענוג אנגעגאנגען אין זיין לעבען, געמארשירט איבער בערג און טהאל, אין שניי און פראסט און אלערליי זאוויערוחעס. און וועלכע שנייען, וועלכע פרעסט! די ביימער פלעגען פלאטצען, פייגעלעך פלעגען טויט אראפפאלען אויף דער ערד — און דער רוסישער סאלדאט איז געגאנגען פריש לעבעדיג, און נאך דער צו אליעדעלע געזונגען און א טרעפאק, אדער א קאמארינסקי מיט די פיס צוגעקלאפט!

דֶער נֶעדַאנְק, אַז עֶר הָאט גַאנְצֶע פִינְף אוּנ דְרַייסִיג יָאהר אויסְגֶעהַאלְטֶען דִי פַארְצַייטִיגֶע סְלוּשְׁבֶע, אויסְגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע צָרוֹת, אַלֶע שְׁנֵייעֶן, אַלֶע ווינְטֶען, אַלֶע שְׁלֶעק, הוּנ־גֶער, דָארְשְׁט אוּנ נוֹיטֶען, אוּנ אַ גֶעזוּנְדְטֶער אַהֵיים גֶע־קוּמֶען — דֶער גֶעדַאנְק מַאכְט אִיהם גְרוֹיס! עֶר הֵייבְּט אוֹיף דֶעם קָאפְּף מִיט גַדְלוּת אוּנ גֶעהט מִיט נַייעֶם כּחַ.

— הַא, הַא, ווָאס אִיז נָאר בַּיי מִיר אַזַא פְּרָאסְטֶעל? אִין רוּסְלַאנְד, דַאכְט זִיךְ, אִיז גֶעווֶעזֶען עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ!

עֶר גֶעהט, דֶער ווִינְד ווֶערְד אַ בִּיסֶעל שְׁטִילֶער, עֶס ווֶערְד אַלֶע מָאל טִינְקֶעלֶער, עֶס פַאלְט צוּ דִי נַאכְט.

אויךְ מִיר אַ טָאג — טְרַאכְט עֶר — אַ טַל וּמָטָר'ל!.. אוּנ עֶר הֵייבְּט זִיךְ אָן מֶעהר צוּ יָאגֶען, עֶס זָאל אִיהם נִישְׁט דִי נַאכְט בֶּעפַאלֶען. נִיט אוּמְזִיסְט גֶעהט עֶר שַׁבָּת אִין שִׁילֶעכֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה, עֶר ווייסְט: מֶען דַארְף אַרוֹיסְגֶעהְן אוּנ קוּמֶען בְּכִי טוֹב!

עֶר פִיהלְט אַ בִּיסֶל הוּנְגֶער, אוּנ אַ טֶבַע הָאט עֶר, אַז ווֶען עֶר ווֶערְד הוּנְגֶערִיג ווֶערְד עֶר לוּסְטִיג! עֶר ווייסְט, אַז אַפֶּעטִיט אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ; ווַייל זַיינֶע סוֹחֲרִים, ווָאס שִׁיקֶען אִיהם אִין שְׁלִיחוּת, ווֵיינֶען תָּמִיד נָאר אוֹיף דֶעם, ווָאס זֵיי זֶענֶען קֵיינְמָאל נִיט הוּנְגֶערִיג! עֶר הָאט, ב"ה, אַפֶּעטִיט! אויסֶער, אַז עֶר אִיז נִישְׁט בְּקוֹ הַבְּרִיאָה ווִי, לְמָשָׁל, גֶעכְטֶען, עֶר אִיז קְרַאנְק גֶעווֶעזֶען, הָאט זִיךְ אִיהם גֶעדַאכְט, אַז דָאס בְּרוֹיט אִיז אִיהם זוֹיעֶר.

— גֶעה, וואוּ אִיז עֶס זוֹיעֶר גֶעווֶען; זֶעלְנֶערֶעשׁ בְּרוֹיט! אַ מָאהל אֶפְשָׁר יוֹא, אָבֶּער הַיינְט? הַיינְט בַּאקְט פָּאנְיֶע

אַזאַ בְּרויט, אַז דִי יוּדֶעשֶׁע בַּאקֶערְס מֶעגֶען זִיךְ בַּעהַאלְטֶען. און גֶעקויפְט הָאט עֶר אַ פְרִישׁ בְּרויט! עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען אַ מְחַיֶה עֶס צוּ שְׁנַיידֶען. נָאר עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶועזֶען בְּכֹחַ הַבְּרִיאָה, עֶפֶּעס הָאט אִיהם אַקֶעלְט דוּרְכְגֶעיָאגְט צְווִישֶׁען דִי בֵּיינֶער.

— נָאר גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער, וָואס עֶר אִיז נִיט וֶוערְט זַיין נָאמֶען צוּ גֶעדֶענְקֶען, אַז עֶס טְרֶעפְט זִיךְ אִיהם זֶעלְטֶען!

אַצוּנְד הָאט עֶר אוֹיךְ אַפֶּעטִיט, עֶר הָאט אֲפִילוּ אִין קֶעשֶׁענֶע בְּרוֹיט מִיט אַ שְׁטִיקִיל קֶעז... דָאס שְׁטִיקִיל קֶעז הָאט אִיהם דֶעם סוֹחֵר'ס וַוייבּ גֶעגֶעבֶּען — לֶעבֶּען זָאל זִי און גֶעזוּנְד זַיין! זִי אִיז טַאקִי אַבַּעַל צְדָקָה, זִיא הָאט אַ יוּדִישׁ הַארְץ!

— זִי זָאל נָאר נִישְׁט אַזוֹי קְלָלִין — טְרַאכְט עֶר — וָואלְט זִי גֶעוֶועזֶען נָאר אַ וָואהלֶע יוּדֶענֶע!... עֶר דֶערְמָאנְט זִיךְ אִין זַיין גֶעשְׁטָארְבֶּען וַוייבּ.

— נָאר מַיין שְׁפְּרִינְצֶע נֶיעפְּרִיטְשֶׁקֶעס! זִי הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט אַ גוּט הַארְץ, און אַזאַ טֶבַע צוּ קְלָלִין! וָואס פַאר אַ קִינְד אִיךְ הָאבּ אַוֶועק גֶעשִׁיקְט אִין דֶער וֶועלְט אַרַיין, הָאט זִי גֶעוֵויינְט ווִי אַ בִּיבֶער, חָאטְשִׁי אִין דֶער הֵיים הָאט זִי זַיי גֶעשָׁאלְטֶען מִיט טוֹיטֶע קְלָלוֹת!" וֶוער שְׁמִיעסְט — דֶערְמָאנְט עֶר זִיךְ — אַז אֵיינְם אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען! זִי הָאט זִיךְ גֶעוָוארְפֶען גַאנְצֶע טֶעג ווִי אַ שְׁלַאנְג אוֹיף דֶער עֶרְד, גֶעהַאקְט זִיךְ מִיט דִי פוֹיסְטֶען אִין קָאפּ אַרַיין.

„אֵיינְמָאהל הָאט זִי נָאר גֶעוָואלְט וַוארְפֶען אַ שְׁטֵיין אִין הִימֶעל אַרַיין!"

— „אָט זֶעהסְטוּ — טְרַאכְט עֶר — נָאט מַאכְט זִיךְ אַ סַךְ פוּן אַ נַארִישֶׁע יוּדֶענֶע!... זִי לָאזְט אָבֶּער נִישְׁט אַרוֹיס גֶעהמֶען דִי מִטָה מִיט'ן מֵת! זִי פַּאטְשְׁט אוֹיס דִי וַוייבֶּער, דֶער חֶבְרָה נוֹשְׂאִים רַייסְט זִי אוֹיס דִי פֶּערְד!"

„אַ שֶׁאנֶע גְבוּרָה הָאט גֶעשְׁטֶעקְט אִין דֶער שְׁפְּרִינְצֶען! עֶס הָאט זִיךְ גֶעדַאכְט אַ פְּלִיעג, אוּן אַזַא כֹּחַ, אַזַא כֹּחַ!...

— פָּארְט, זִי זָאל מִיר עֶס מוֹחֵל זַיין, אַ גוּטֶע גֶעוֶועזֶען! זִי הָאט אֲפִילוּ מִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט פַיינְט גֶעהַאט, חָאטְשֶׁי זִיא הָאט מִיר קֵיין מָאהל קֵיין גוּט וָוארְט נִישְׁט גֶעגֶעבֶּען!

— זִי הָאט נָאר גֶעשְׁרִיגֶען: אַ גֶט, אַ גֶט! אַ נִישְׁט וֶועט זִי אַזוֹי אַנְטְלוֹיפֶען! נָאר וואוּ הָאט זִי גֶעוָואלְט אַ גֶט!

עֶר דֶערְמָאנְט זִיךְ עֶפֶּעס אוּן שְׁמֵייכֶעלְט...

דִי מַעֲשֶׂה אִיז שׁוֹין לַאנג, לַאנג, דֶעמֶעלְס אִיז נָאךְ גֶעוֶועזֶען דִי קָאנְסוּמְצִיֶע (אַקְצִיז) אוּן עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען אַ נַאכְט סְטְרִיזְשׁ, אוּן אַרוּם גֶעגַאנְגֶען גַאנְצֶע נֶעכְט מִיט'ן אַייזֶערְנֶעם שְׁטֶעקֶעלֶע, מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיין גַנְבֶינֶען בְּרָאנְפֶען!

אָה! סְלוּזְבֶּע הָאט עֶר גֶעקֶענְט, בַּיי פָּאנֶיעֶן אִיז אַ גוּט חֵדֶר, עֶר הָאט גוּטֶע מְלַמְּדִים!... פַאר טָאג, ווִינְטֶער אִיז עֶס גֶעוֶועזֶען, עֶס קוּמְט שׁוֹין אָן דֶער טָאג=סְטְרִיזְשׁ, חַיִים יוֹנָה — עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיפ'ן עוֹלָם אֱמֶת — אוּן עֶר גֶעהט אַ הֵיים... גֶעפְרוֹירֶען, פֶערְשְׁטַארְט! עֶר קְלַאפְּט בַּיי דֶער טִיהר אוּן זִי שְׁרַייט אִיהם אַרוֹיס פוּן בֶּעט:

„גֶעה אִין דֶער'עֶרְד אַריין! אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט דַיין נָאמֶען וֶועט אַהֵיים קוּמֶען",

— אֶ הָא! זִי אִיז בֵּייז נָאךְ פוּן נֶעכְטֶען בַּיי טָאג! אוּנ

עֶר קָאן זִיךְ בְּאֵין אוֹפֶן נִישְׁט דֶערְמָאנֶען וָואס גֶעשְׁטֶען אִיז אַזוֹינְס גֶעוֶועזֶען, נָאר זַיְין הָאט דָאךְ עֶפֶּעס גֶעמוּזְט.

— „פֶערְמַאךְ דֶעם פִּיסְק אוּנ אָפֶּען! שְׁרַייט עֶר.

— דֶעם קָאפּ וֶועל אִיךְ דִיר אָפֶּענֶען!. הָארְט עֶר אַ קְלָארֶע תְּשׁוּבָה.

— לָאז מִיךְ אַרַיין! שְׁרַייט עֶר.

— אִין דְ׳רֶערְד אַרַיין גֶעה! עֶנְטְפֶערְט זִי.

אוּנ עֶר הָאט זִיךְ מְיַשֵׁב גֶעוֶוען אוּנ אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אַרַיין אוּנ הָאט זִיךְ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפֶען אוּנְטֶערן אוֹיבֶען. צוּם שְׁלִימַזָל אִיז גֶעוֶועזֶען אַ סְוָואנְד, עֶר אִיז פֶערְנַארֶעט גֶעוָוארֶען, אוּנ מֶען הָאט אִיהם אַהֵיים גֶעטְרָאגֶען אַ טוֹיטֶען...

„אַ קְלֵיינִיקֵייט הָאט דֶעמֶעלְט שְׁפְּרִינְצֶע אִיבֶּער גֶע־אַרְבֵּייט"! עֶר הָאט דֶערְנָאךְ גַאנְץ גוּט גֶעהֶערְט וִוי זִי הָאט אִיבֶּער גֶעאַרְבֵּיט.

מֶען זָאגְט אִיהר: סְ׳אִיז נָאר נִישְׁט, אַ סְוָואנְד, גֵיין! זִי וִויל נָאר אַ דָאקְטָאר; זִי הָאט בְּדֵעָה צוּ חַלָשׁ׳ן, צוּ וַוארְפֶען זִיךְ אִין וַואסֶער אַרַיין, אוּנ שְׁרַייט נָאר: מַיין מַאן! מַיין מַאן, מַיין תַּכְשִׁיט!

שְׁפֶּעטֶער אַ בִּיסֶעל נֶעהְמְט עֶר צוּזַאמֶען אַלֶע כחות, זֶעצְט זִיךְ אוֹיף אוּנ פְרֶעגְט זִי גֶעלַאסֶען:

— שְׁפְּרִינְצֶע, ווִילְסְט אַ גֶט?

— גֶעהם אַיין... נָאר זִי הָאט נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט דִי קְלָלָה אוּנ הָאט אַרוֹיס גֶעלָאזְט אַ גֶעוויין...

— שְׁמַרְיָה, ווִי מֵיינְסְטוּ, נָאט וֶועט מִיךְ גוּט שְׁטְרָאפֶען פַאר מֵיינֶע קְלָלוֹת, פַאר מַיין רִשְׁעוּת?..

נָאר קוים אִיז עֶר גֶעזוּנְד גֶעוָוארֶען — צוּרִיק דִי אֵיינֶענֶע שְׁפְּרִינְצֶע: אַ מוּיל אוֹיף רֶאדֶער, אַ צוּנְג אוֹיף שְׁרוֹיפֶען, אוּנ אַייזֶען שְׁטַארְק, זִי דְרַאפֶּעט ווִי אַ קַאץ. חַא, חַא, חַא! אַ שָׁאד שְׁפְּרִינְצֶע! זִי הָאט אֲפִילוּ קֵיין נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער נִישְׁט דֶערְלֶעבְּט.

הַיינְט מוּז עֶס זֵיי גוּט זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט; אַלֶע בַּעַל מְלָאכוֹת. דִי מְלָאכָה לָאזְט נִיט שְׁטַארְבֶען פַאר הוּנְגֶער! כּחַ הָאבֶען זֵיי, אִין מִיר אַריין גֶערָאטְהֶען. אַיי, זֵיי שְׁרַייבֶען נִישְׁט, וָואס אִיז? אַלֵיין קֶענֶען זֵיי נִישְׁט, נֶעה בֶּעט עֶרְשְׁט אֵיין אַנְדֶערן, יֶענֶער זָאל שְׁרַייבֶען! אוּנ וָואס פַאר אַ טַעַם הָאט אַזַא בְּרִיעף? ווִי אִיבֶּערְגֶעשְׁוֶוענְקְטֶע יָאךְ! אוּנ מִיט דֶער צַייט, יוּנְגֶע קִינְדֶער פֶערְגֶעסֶען... עֶס מוּז זֵיי גָאר גוּט זַיין...

נָאר שְׁפְּרִינְצֶע גֶעבֶּעךְ לִיגְט אִין דֶער עֶרְד! אַ שָׁאד שְׁפְּרִינְצֶע!

— אַזוֹי ווִי דִי קָאנְסוּמְצִיֶע הָאט אוֹיף גֶעהֶערְט אִיז זִי גֶעוָוארֶען אוּים מֶענְשׁ! טַאקִי, אֵיידֶער אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶעוָואהְנְט צוּם שְׁלִיחוּת, צוּ זָאגֶען דֶעם פְּרִיץ: יַאשְׁנֶיע פַאנֶיע, נִישְׁט וַואשֶׁע ווִיסָאקָא בְּלַאגָארָאדְיֶע, אֵיידֶער מֶען הָאט מִיר גֶעטְרוֹיעֶט קָאנְטְרַאקְטֶען מִיט גֶעלְד — הָאט גֶעפֶעהלְט דָאס שְׁטִיקִיל בְּרוֹיט...

מֵילָא אִיךְ, זָעהסְטוּ, אַ מַאנְס-פֶּערְשׁוֹין, אַ גֶעוֶועזֶענֶער קָאנְטָאנִיסְט, עֶסְט מֶען נִישְׁט אַ טָאג! אִידר אָבֶער אִיז עֶס

נעגאנגען, אימשטיינס געזאגט, אינ'ם גאנצען לעבען!
א נארישע יודענע, זיא פערליערט באלד די כחות, זי האט
שוין אפילו נישט געקאנט שעלטען, דער גאנצער שיינ'ץ
איז איהר פון קאפף ארוים, אונ נאר געוויינט!...

עס איז מיר נמאס ומאוס געווארען פאר'ן לעבען...
עפעס האט זי גאר מורא געקריגען פאר מיר! זי האט גאר
מורא געהאט צו עסען, מיר זאל נישט פעהלען! אז איך
זעה, אז זי האט מורא, בין איך ביי קוראז, איך שריי,
איך שעלט! למשל: פאר וואס געהסט דו נישט פרעסען?!
איך פאל א מאהל אין ארציהה אריין אונ וויל זי פשוט
שלאגען, נאר געה שלאג א וויינענדיגע יודענע. אז זי זיצט
פערלייגט די האנד אונ ריהרט זיך נישט! איך לויף צו מיט
איין קולאק, שפיי אין איהם נאך אן, אונ זי ענטפערט מיר:
„עס פריהר דו אב, איך וועל דערנאכדעם עסען!" אונ איך
האב געמוזט פריהר אפ בייסען פונ'ם ברויט, אונ איהר
איבערלאזען די רעשט...

א מאהל נארט זי מיך ארוים אין גאס אריין: איך וועל
שוין עסען, געה נאר אין גאס אריין, „עה, אפשר וועסט דו
עפעס פערדיענען, אונ מכלומר'שט שמייכעלט זי דערביי,
אונ גלעט מיך א מאהל!

אונ אז איך געה אונ קום צוריק, טרעף איך נאך
כמעט דאס אייגענע ברויט! זי רעדט מיר איין, אז זי קאן
נישט עסען קיין טרוקענס, זי דארף גאר א גריץ!

ער בייגט אראב דעם קאפף, גלייך עס וואלט איהם
געדריקט א שווערע לאסט אונ די טרויריגע געדאנקען יאגען:

— אוּן וָואס פַאר אַ יְלָלוֹת זִי הָאט גֶעמַאכְט אַז אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט מַיין שַׁבָּת־דִיגֶע קַאפָּאטֶע, אָט דִי וָואס אִיךְ גֶעפֶערזֶעצֶען! מַעֲשִׂים הָאט זִי גֶעאַרְבֵּייט אוּן גֶעלָאפֶען אוּן פֶערזֶעצְט אִיהרֶע מֶעשֶׁענֶע בֶּענְטְשׁ־לַייכְטֶער. אוּן בִּיז אִין טוֹיט אַרַיין שׁוֹין גֶעבֶּענְטְשְׁט אִין קַארְטָאפְלֶעם!... פַאר'ן טוֹיט הָאט זִי מִיר מוֹדֶה גֶעוֶוען, אַז זִי הָאט קֵיין מָאהל נִישְׁט גֶעוָואלְט קֵיין גֶט, אַז זִי הָאט נָאר גֶעהַאט אַ בֵּייז מוֹיל.

— דִי צוּנְג, דִי צוּנְג, הָאט זִי גֶעשְׁרִיעֶן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, זַיי מִיר מוֹחֵל דִי צוּנְג! אוּן אִיז טַאקִי גֶעשְׁטָארְבֶּען אִין אֵיין פַּחַד מֶען זָאל זִי אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט נִישְׁט הֶענְגֶען אוֹיף דֶער צוּנְג!

— גָאט, מַאכְט זִי צוּ מִיר, וֶועט קֵיין רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר נִישְׁט הָאבֶּען, אִיךְ הָאבּ צוּפִיעל גֶעזִינְדִיגְט! נָאר אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען, נִישְׁט בַּאלְד חַס וְשָׁלוֹם! נָאר אִיבֶּער הוּנְדֶערְט יָאהר, אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען, גֶעדֶענְק, חַאפְּ מִיךְ אַרָאבּ פוּן דֶער תְּלִיָה! זָאג דֶעם בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה, אַז דוּ הָאסְט מִיר מוֹחֵל גֶעוֶועזֶען!

זִי הָאט בַּאלְד פֶערלוֹירֶען דִי גֶעדַאנְקֶען, אַלץ גֶערוּפֶען דִי קִינְדֶער; עֶס הָאט זִיךְ אִיהר גֶעדַאכְט, אַז זַיי זֶענֶען דָא אִין שְׁטוּבּ, אַז זִי רֶעדְט מִיט זַיי, אוּן הָאט זַיי אוֹיךְ גֶעבֶּעטֶען מֶען זָאל אִיהר מוֹחֵל זַיין!

אַ נַארִישֶׁע יוּדֶענֶע. וֶוער וָואלְט אִיהר נִיט מוֹחֵל [illegible]ען.

ווי אַלְט אִיז זִי גֶעוֶועזֶען אִין גַאנְצֶען אֶפְשַׁר אַ יָאהר

פוּפְצִיג! אַזוֹי פְּרִיה גֶעשְׁטָארְבֶּען! אַ קְלֵיינִיקֵייט, אַז אַ מֶענְש גֶענוּמְט זִיךְ אַלֵיין צוּ דָאס לֶעבֶּען, אַז וָואס מֶען טְרָאגְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ צוּ פֶּערְזֶעצֶען, טְרָאגְט מֶען אִיהר אַרוֹיס חַאלְבּ כֹּחַ, שְׁטִיקֶער פְּלֵיישׁ!...

טָאג אוֹיף טָאג אִיז זִי גְרִיעֶנֶער אִין גֶעהלֶער, קְלֶענֶער אוּנ דַארֶער גֶעוָוארֶען.

זִי הָאט גֶעזָאגְט, אַז זִי פִּיהלְט וִוי דֶער מַארְךְ טְרִיקֶענְט אִיהר אִין דִי בֵּיינֶער...זִי הָאט גֶעוואוּסְט, אַז זִי וָועט שְׁטַארְבֶּען!...

וִוי זִי הָאט לִיעבּ גֶעהַאט דִי שְׁטוּבּ מִיט אַלֶע זַאכֶען! וָואס מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבֶּען, אַ בֶּענְקֶעל, אַ בְּלֶעכֶענֶע הֶעסֶע, אוּנ אִיךְ ווֵייס וָואס, הָאט זִי עֶס בֶּעגָאסֶען מִיט בִּיטֶערֶע הֵייסֶע טְרֶערֶען; זִי הָאט זִיךְ מִיט יֶעדֶער זַאךְ גֶעזֶעגֶענְט וִוי אַ מַאמֶע מִיט אַ קִינְד!... מִישְׁטֵיינְס גֶעזָאגְט, אַרוּמְגֶע־חַאפְּט אוּנ כְּמְעַט גֶעקוּשְׁט... „אָהָא! מַאכְט זִי, וָוען אִיךְ וָועל שְׁטַארְבֶּען, וָועסְט דוּ שׁוֹין נִישְׁט זַיין אִין שְׁטוּבּ!"

אַ מַעֲשֶׂה, אַ נְקֵבָה אִיז פָּארְט אַ נַאר! אַרְגַע אִיז זִי אַ קָאזַאק אִין אַ סְפּוּדְנִיצֶע, אוּנ אַ לַיאדֶע וָואס, אֶרְגֶער וִוי אַ קִינְד! זֶעהסְטוּ שׁוֹין, בַּיי שְׁטַארְבֶּען אִיז אַ נוַדאי אַ חִלוּק צוּ סִיט אַ בֶּענְקֶעל צוּ אָהן אַ בֶּענְקֶעל!...

— פֶּע!— הַאקְט עֶר זִיךְ אַלֵיין אִיבֶּער דִי גֶעדַאנְקֶען,— וָואס מִיר קוּמְט אַלְס אִין קָאפְּ אַריין, דוּרְךְ דִי פּוּסְטֶע זַאכֶען גֶעה אִיךְ וָואלְגֶע.

— נוּ, זָעלְנֶערִישֶׁע פִּיעס, טְרָאגְט ווייטֶער!—קָאמַאנְדִירְט עֶר מִיט זִיךְ.

ער קוקט זיך אום — ארום און ארום שניי, אויבען א גראער הימעל מיט שווארצע שמאטעס געלאטעט; — גאר מיין אונטערשטע קאפאטע! — טראכט ער — שיינעט מיט לאסטיקענע לאטעס! רבונו של עולם, דיר פעהלט אויך קרעדיט אין געוועלב?

דערוויייל נעהמט א פראסט. די בארד און די וואנסעס ווענען אייז, אין גוף איז אפילו נישט קשה, דער קאפף איז גאר נוארעם און אויפ'ן שטערען האט ער קראפלעס שוויים; נאר די פיעס ווערען אלע מאהל קעלטער און שוואכער.

עס איז שוין נישט ווייט, נאר ער האט חשק זיך אבצורוהען; ער שאמט זיך אבער פאר זיך אליין. דאס ערשטע מאהל בארף ער זיך אבריהען ביי איין שליחות פון צוויי מייל וועגס. ער וויל זיך נישט מודה זיין, אז ער איז איין אבציגער און עס איז שוין צייט דערויף.

ניין, ער מוז געהן... נאר געהן... כל זמן מען געהט, געהט מען, עס טראגט זיך; קוים גיט מען נאך דעם יצר הרע און מען רוהט זיך אב, ווערט מען שוין א לייט!

מען קאן זיך גלאט פערקיהלען,—שרעקט ער זיך אליין איבער,—און וויל זיך אלם אויסרעדען דעם שטארקען חשק צום אברוהען.

— נישט ווייט שוין צום דארף. דארט וועל איך אויך צייט האבען!

— דאס,—טראכט ער—וועל איך יוא טוהן: איך וועל

נישט געהן גלייך צום פריץ ... ביים פריץ מוז מען וואַרטען אַ שעה אין דרויסען ... נאָר גלייך צום יוד.

— חאָטש גוט, — טראַכט ער — וואָס איך האָב נישט קיין מורא פאַר דעם פריצ׳ס הונד; נאָר פון דעסטוועגען, ביי נאַכט אַז מען לאָזט אָב דעם בורען, איז פאָרט אַ סכנה; איך האָב מיט אפילו מיין וויעטשערע, און ער האָט ליעב קעז, נאָר גלאַט אַזוי, איך וועל מיר טאַקי פריהער אויסרוהען די ביינער, איך וועל מיר פריהער געהן אַריין צום יוד, אָנוואַרמען זיך, וואַשען זיך, עפּעס עסען...

און עס קומט איהם די שליינע אין מויל אַריין, ער האָט פון אין דער פריה אָן נישט געגעסען; נאָר דאָס איז אַ קליינינקייט, איהם האַרט נישט אַז ער איז הונגעריג, ער האָט הנאה דערפון: אַז מען איז הונגעריג, איז אַ סימן אַז מען לעבט! נאָר די פיעס!...

ער האָט נאָך אין גאַנצען אַ צוויי וויאָרסט, ער זעהט שוין אַרוים דעם פריץ׳ס גרויסע שאַפּע ... נאָר די פיעס זעהען נישט, זיי ווילען זיך דווקא אָבּרוהען!

— און ווידער פערקעהרט, — טראַכט ער זיך — וואָס איז, אַז איך וועל מיך אַ ביסעל אָבּרוהען? אַ מינוט, אַ האַלבע מינוט! אפשר יוא? לאָז מיך נאָר פרוּוען! ווי לאַנג די פיעס פאָלגען מיך, דאַרף איך זיי אויך אַ מאָהל פאָלגען!

און שמריה זעצט זיך אין דער זייט אויף אַ באַרגיל שניי. אַ צונג האָרט ער ערשט, ווי דאָס האַרץ קלאַפּט איהם, פּראָסטע אַ האַמער און עס שטעכט, און דער קאָפּף שוויצט...

ער דערשרעקט זיך ... אפשר װערד ער קראַנק? ער האָט בײַ זיך פֿרעמד געלד! ער קאָן בלײַבען, חס ושלום, חלשות ... און ער טרייסט זיך: געלויבּט איז גאָט װאָס קיינער געהט נישט! און אפילו עמיץ זאָל געהן, װעט איהם אויך נישט אײַנפֿאַלען, אַז איך האָב געלד בײַ מיר ... מי שטײַנסגעזאָגט, װעמען מיגעטרויעט געלד! ... נאָר אַ־קאָפּ זיצען, דערנאָך װאַלײַ!

נאָר די ברעמען פֿאַלען איהם צו װי בלײַ.

— גיין, הייב דיך אויף שמריה, װסטאַװײ! קאָמאַנדירט ער מיט זיך.

נאָר קאָמאַנדירען קאָן ער נאָך, אָבער שוין נישט מקײם זײַן; ער קאָן זיך נישט ריהרען, חאָטש איהם דאַכט זיך אַז ער געהט, אַז ער געהט אַלע מאָהל שטאַרקער! אָט זעהט ער שוין אַלע הײַזלעך, דאָ װאָהנט אַנטעק, דאָרט באַזילי; ער קען זײ אַלע, ער דינגט בײַ זי פֿוהרען.. צום יוד איז נאָך װײַט, נאָר גלײַכער צום יוד ... מיטרעפֿט אַ מאָהל דאָרט מזומן ... און איהם דאַכט זיך, אַז ער געהט צום יוד׳ס הײַזעל; נאָר עס ריקט זיך אַלע מאָהל אָב װײַטער, װײַטער ... מן הסתם דאַרף אַזוי צו זײַן ... עס ברענט דאָרט אַ פֿרײליך פֿײַערל אויפֿ׳ן קוימען, דאָס גאַנצע פֿענסטער׳ל איז לוסטיג אין רויט. די גראָבּע מירל שוימט אַװדאַי אַ גרויסען טאָפּ קאַרטאָפֿליעס, און זי איז איהם שטענדיג מכבד מיט אַ קאַרטאָפֿליע; אַ פֿערגניגען אַ הײסע קאַרטאָפֿליע! און ער ריקט זיך װײַטער. אַזוי דאַכט זיך איהם חאָטשי ער זיצט אויף איין אָרט.

דֶער פְרָאסְט הָאט אַ בִּיס'ל גֶעלָאזְט. עֶס הֵייבֶּען אָן פַאלֶען בְּרֵייטֶע, דִיקֶע פְלַאכֶעס שְׁנֵיי.

אִיהם אִיז, אַ פָּנִים, אוֹיךְ נוֹארֶעמֶער גֶעוָוארֶען אִין דֶער שְׁנֵיי ־קַאפָּאטֶע. אוּנ עֶס דַאכְט זִיךְ אִיהם, אַז עֶר אִיז שׁוֹין בַּיים יוּד אִין שְׁטוּב. מִירל זַאיֶעט דִי קַארְטָאפְלֶעס, עֶר הֶארְט וִוי דָאס וַואסֶער גִיעסְט זִיךְ, זְיוּר, זְיוּר, זְיוּר, אוּנ אַז אַזוֹי גִיעסְט זִיךְ פוּן זַיין לַאסְטִיקֶענֶע קַאפָּאטֶע אוֹיךְ. יוֹנָה גֶעהט אַרוּם אוּנ זִינְגְט אוּנְטֶער דֶער נָאז; זַיין שְׁטֵיינֶער אִיז צוּ זִינְגֶען נָאךְ מַעֲרִיב, וַוייל דֶעמֶעלְט אִיז עֶר הוּנְגֶעריג, אוּנ מַאכְט אַלֶע מָאהל: „נוּ מִירל!“

נָאר מִירל יָאגְט זִיךְ נִישְׁט; „וָואלְנֶער טוּהט זִיךְ בֶּעסֶער!“

— צוּ שְׁלָאף אִיךְ אוּנ עֶס חָלוֹמְט זִיךְ מִיר? וֶוערְד עֶר בַּאפְּטֶעם פְרֵיילִיךְ — דֶערְשְׁרָאקֶען. עֶס בַּאכְט זִיךְ אִיהם, אַז עֶס אֶפֶענְט זִיךְ דִי טִיהר אוּנ עֶס קוּמְט אַרַיין זַיין עֶלְטֶערֶער זוּהן ... חָנָה! חָנָה! אָה! עֶר דֶערְקֶענְט אִיהם! וָואס טוּהט עֶר דָא? נָאר חָנָה דֶערְקֶענְט אִיהם נִישְׁט, אוּנ עֶר מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וִויסֶענְדִיג ... חַא, חַא, חַא! עֶר דֶערְצֶעהלְט יוֹנָה'ן, אַז עֶר פָאהרְט צוּם טַאטֶען, עֶר פְרֶעגְט אוֹיס אוֹיפ'ן טַאטֶען, עֶר הָאט דֶעם טַאטֶען נִישְׁט פֶערְגֶעסֶען! אוּנ יוֹנָה מַמְזֵר זָאגְט אִיהם נִישְׁט, אַז דֶער טַאטֶע זִיצְט אוֹיפ'ן בַּאנְק בֶּעטֶעל!... מִירל הָאט צוּ טוּהן אוּנ אִיז פֶערְנוּמֶען בַּיי דִי קַארְטָאפֶעל, וֶועט זִי נִישְׁט מַפְסִיק זַיין; נָאר זִי שְׁמֵייכֶעלְט אוֹיךְ, זִי רֵייבְּט דִי קַארְטָאפֶּעל מִיט'ן גְרוֹיסֶען הִילְצֶערְנֶעם לֶעפֶעל אוּנ שְׁמֵייכֶעלְט!

— אָה! חָנָה מוז זַיין רַייך, גָאר רַייך! אַלֵיין אִיז אוֹיף אִיהם נַאנְץ, אִין אַ קְייט, אֶפְשָׁר טָאמְבִּיק? נֵיין, אַוַדַאי גָאלְד! חָנָה וֶועט נִישְׁט גֶעהן קֵיין טָאמְבִּיקִינֶע קֵייט, ח״ו, ... חַא! חַא! חַא!—עֶר נִיט אַקוּק אוֹיפ׳ן פִּיֶעקֶעלִיק ... חַא! חַא! חַא!—עֶר פְּלַאצְט שִׁיעוּר פַאר גֶעלֶעכְטֶער. יֶעקֶעל, בֶּערֶעל, זְכַרְיָה ... אַלֶע דְרַיי ... חַא! חַא! חַא! זֵיי הָאבֶּען זִיךְ בֶּעהַאלְטֶען אוֹיפ׳ן פִּיֶעקֶעלֶעק, דָאס אִיז גַנָבִים! חַא! חַא! חַא! „אַ שָׁאד שְׁפְּרִינְצֶע, אַ שָׁאד! זִי זָאל חָאטְשׁ אוֹיךְ הָאבֶּען דָאס נַחַת!״ דֶערְוַויל בֶּעשְׁטֶעלְט חָנָה צְוֵויי גֶענְז. „חָנָה! חָנָה! דֶערְקֶענְסְט מִיךְ נִישְׁט? אִיךְ בִּין דָאס!...״ אוּנ אִיהם דַאכְט זִיךְ, אַז עֶר צוּקוּשְׁט זִיךְ מִיט חָנָה׳ן ...

— הֶערְסְטוּ, חָנָה, אַ שָׁאד דִי מַאמֶען, זִי זָאל דִיךְ זֶעהן!... יֶעקֶל, בֶּערֶעל, זְכַרְיָה, אַרָאב פוּן פִּיֶעקֶעלִיק! אִיךְ הָאבּ אַייךְ בַּאלְד דֶערְקֶענְט! קוּמְט אַרָאבּ, אִיךְ הָאבּ גֶעוְואוּסְט, אַז אִיהר וֶועט קוּמֶען, אַוַדָאי בַּאַיָה, אִיךְ הָאבּ אַייךְ מִיט גֶעבְּרֶענְנְט קֶעז, אֶמֶת׳ן שָׁאפֶּענֶעם קֶעז! זֶעהט נָאר, קוּמְט קִינְדֶער! אִיהר הָאט דָאךְ עֶפֶּעס לִיעבּ זֶעלֶנֶערִישׁ בְּרוֹיט! וָואס? אֶפְשָׁר נִישְׁט? אֶמֶת אַ שָׁאד דִי מַאמֶען!

אוּנ עֶס דַאכְט זִיךְ אִיהם, אַז אַלֶע פִיער קִינְדֶער הָאבֶּען אִיהם אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט אוּנ הַאלְטֶען אִיהם אוּנ קוּשֶׁען אוּנ דְרִיקֶען אִיהם צוּ.

— נָאר וָואילְנֶע, קִינְדֶערְלֶעךְ! וָואילְנֶע, דְרִיקְט מִיךְ נִישְׁט צוּ שְׁטַארְק! אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין יוּנְגֶער מַאן, אִיךְ בִּין אַיין אַכְצִיגֶער!... וָואילְנֶע, אִיהר דוּשֶׁעט מִיךְ, וָואילְנֶע, קִינ־

דְרְלֶעךְ, אַלְטֶע בֵּיינֶער! וָואילְנֶע, אִיךְ הָאבּ גֶעלְד אִין קֶעשֶׁע־
נֶע! מִיר, ב״ה, גֶעטְרוֹיעֶט מֶען גֶעלְד!... גֶענוּג, קִינְדֶרְלֶעךְ
גֶענוּג!...

אוּנ עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען גֶענוּג, עֶר אִיז גֶעבְּלִיבֶּען פֶערְ־
שְׁטַארְט מִיט דֶער הַאנְד אוֹיף דֶער בּוֹזֶעם קֶעשֶׁענֶע. —

# וואס הייסט „נשמה“ ?

—

## 1.

איך געדענק ווי אין א חלום, אז עס האט זיך ביי אונז אין שטוב ארומגעדרעהט א קליין דאר יודעל מיט א שפיציג בארדעל, וואס פלעגט מיך אלע מאל ארומנעהמען און קושען.

דערנאך, געדענק איך, איז דאס אייגענע יודעל קראנק געלעגען אין בעט, ער האט זעהר געקראכצט און די מאמע איז געשטאנען און געהאקט זיך אין קאפ אריין.

א מאל חאפ איך מיך אויף ביי נאכט און דערזעה א פאללע שטוב מיט יודען; פון דערשראקענעש האב איך גע-הארט א יאמערליך געוויין... איך האב מיך שטארק דער-שראקען און אנגעהויבען צו שרייען.

עס איז צוגעקומען צו מיר איינער פון די יודען, ער

הָאט מִיךְ אָנְגֶעטְהוּן אוּנ אַוֶועגְגֶעפִיהְרְט צוּ אַיין שְׁבֵן
שְׁלָאפֶּען.

דֶעם אַנְדֶערן טָאג הָאבּ אִיךְ דִי שְׁטוּבּ נִישְׁט דֶערְקֶענְט:
אוֹיף דֶער עֶרְד אִיז גֶעלֶעגֶען אָנְגֶעשִׁיט שְׁטְרוֹי, דֶער שְׁפִּיגֶעל
אוֹיף דֶער וַואנְד—אִיבֶּערְגֶעדְרֶעהט, דֶער הֶענְגְלַייכְטֶער פֶּער־
הַאנְגֶען מִיט אַ טִישְׁטוּךְ, אוּנ דִי מַאמֶע אִיז גֶעזֶעסְן אִין דִי
זָאקֶען אוֹיף אַ קְלֵיין בֶּאנְקֶעלֶע אוֹיף דֶער עֶרְד....

אַז זִי הָאט מִיךְ דֶערְזֶעהן הָאט זִי אַרוֹיסְגֶעלָאזְט
אַ שְׁרֶעקְלִיךְ גֶעוֵויין אוּנ הָאט נוּר גֶעשְׁרִיעֶן: „דֶער יָתוֹם, דֶער
יָתוֹם!״....

אוֹיפ׳ן פֶענְסְטֶער הָאט זִיךְ גֶעבְּרֶענְט אַ קַאנֶעגְנִיק, דֶער־
נֶעבֶּען אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַ גְלָאז וַואסֶער אוּנ גֶעהַאנְגֶען
אַ שְׁמַאטֶע....

אוּנ מֶען הָאט מִיר גֶעזָאגְט, אַז מַיין טַאטֶע אִיז גֶע־
שְׁטָארְבֶּען, אַז זַיין נְשָׁמָה וַואשְׁט זִיךְ אִינ׳ם גְלָאז וַואסֶער אוּנ
ווִישְׁט זִיךְ אָבּ מִיט דֶער לַייוֶוענְד... אַז אוֹיבּ אִיךְ וֶועל זָאגֶען
עֶרְנְסְט קַדִּישׁ וֶועט זִי פְּלִיהֶען גְלַייךְ אִין הִימֶעל אַרַיין.

אוּנ מִיר הָאט זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט, אַז דִי נְשָׁמָה אִיז
אַ פוֹיגֶעלֶע....

2.

אֵיינְמָאל הָאט מִיךְ דֶער בֶּעהֶעלְפֶער אָבְּגֶעפִיהְרְט אַהֵיים.
נֶעבֶּען אוּנְז זֶענֶען דוּרְכְגֶעפְלוֹיגֶען גַאנְץ נִידְרִיג, עֶטְלִיכֶע
פֵייגֶעל. „נְשָׁמָה׳לֶעךְ פְלִיהֶען, נְשָׁמָה׳לֶעךְ פְלִיהֶען!״ הָאבּ אִיךְ

מִיר צוּגֶעזוּנְגֶען. דֶער בֶּעהֶעלְפֶער הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקוּקְט. גֶעת דוּ נַאר,— מַאכְט עֶר צוּ מִיר,— דָאס זֶענֶען פוֹיגֶעל, פְּרָאסְטֶע פֵּייגֶעל!״

דֶערנָאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דִי מַאמֶען: וִוי אַזוֹי מֶען דֶערקֶענְט דֶעם חִלוּק פוּן אַ נְשָׁמָה בִּיז אַ פְּרָאסְט פוֹיגֶעלֶע.

3.

אַז אִיךְ בִּין אַלְט גֶעוָוארֶען פֶערצֶעהְן יָאהְר, הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעלֶערֶנְט גְמָרָא מִיט תּוֹסְפוֹת מִיט מ׳ ר״ש״א אוּנ טַאקִי בַּיי ,זֶרַח קְנַייפּ״.

עַד הַיוֹם ווֵייס אִיךְ נִישְׁט, צוּ הָאט עֶר טַאקִי אַזוֹי גֶעהֵייסֶען, צוּ הָאבֶּען עֶס אִיהם דִי תַּלְמִידִים דֶעם צוּנָאמֶען גֶעגֶעבֶּען, ווַייל עֶר פְלֶעגְט קְנַייפֶּען אָהְן רַחֲמָנוּת.

אוּנ עֶר פְלֶעגְט נִישְׁט צוּוַוארְטֶען בִּיז מֶען זָאל פֶער־דִינֶען אַ קְנִיפְּ; עֶר פְלֶעגְט צָאהְלֶען פָארְאוֹיס. ,דֶערְמָאן מִיךְ, זָאגְט עֶר, וֶועל אִיךְ דִיר אָבְּשְׁלָאגֶען!״

דֶערְצוּ אִיז עֶר גֶעוֶועזֶען אַ מֹהֵל, אוּנ הָאט גֶעהַאט אַזַא שְׁפִּיצִיגֶען פְּרִיעָה נָאגֶעל, אַז יֶעדֶער קְנִיפּ הָאט צוּגֶע־שְׁלָאגֶען צוּם הַארְץ.

אוּנ עֶר פְלֶעגְט צוּ זָאגֶען: ,ווֵיין נִישְׁט, ווֵיין נִישְׁט אוּמְזִיסְט! אִיךְ קְנַייפּ נוּר דַיין גוּף, וָואס שַׁאדְט דִיר, אַז דִי וָוארֶעם אִין קֶבֶר וֶועלן הָאבֶּען ווֶענִיגֶער צוּ עֶסֶען״.

אוּנ דֶער גוּף, זָאגְט זֶרַח קְנַייפּ, אִיז טַאקִי ,דֶער עֵשָׂו

וָאפֶר, אַ וְהָא בַּאֲיָה: בַּייב אֵיין הַאנְד אִין דֶער אַנְדֶערֶער'
וֶועסְטוּ זֶעהן!

אוּנ מִיר הָאבֶּען גֶעפְּרוּבְט אוּנ טַאקִי גֶעזֶעהן בְּחוּש,
אַז דֶער גוּף אִיז נוּר עָפָר וָאֵפֶר.

— נוּר וָואס אִיז דִי נְשָׁמָה? הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט.

— אַ רוּחְנִיוּת! הָאט מִיר דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט.

## 4.

זֶרַח קְנֵייפ הָאט פַיינְד גֶעהַאט שִׂנְאַת מָוֶת זַיין וַוייבּ
דִי רֶבִּי'צֶען; פַאר דָאס אִיז שְׁפְּרִינְצֶע, דִי בַּת יְחִידָה זַיינֶע
גֶעוֶוען בַּיי אִיהם אַ אוּיג אִין קָאפּ.

מִיר, הָאבֶּען וַוייטֶער פַיינְד גֶעהַאט שְׁפְּרִינְצֶען, וַוייל זִי
פְלֶעגְט אוּנְז צוּ צוּמַסֶר'ן צוּם פָאטֶער, אוּנ-לִיעבּ גֶעהַאט דִי
רֶבִּי'צֶען, וָואס פְלֶעגְט אוּנְז פֶערקוֹיפֶען אוֹיף קְרֶעדִיט בָּאבֶּעס
מִיט אַרְבֶּעס אוּנ נִיט אֵיינְמָאל מַצִיל גֶעוֶועזְן פוּנ'ם רֶבִּי'נְס
הָאנְד.

דֶער טְרֶאסְטֶער חָשׁוּב בַּיי דֶער רֶבִּי'צֶען בִּין אִיךְ גֶע-
וֶועזְן. אִיךְ הָאבּ גֶעקְרִיגֶען דֶעם גְרֶאסְטֶען צוּלָאג אוּנ וֶוען
דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ מִיר, פְלֶעגְט זִי שְׁרַייעֶן:
„רוֹצֵחַ, וָואס וִוילְסְטוּ פוּנ'ם יָתוֹם? זַיין טַאטֶעְנְס נְשָׁמָה וֶועט
זִיךְ אִין דִיר נוֹקֵם זַיין!"

דֶער רֶבִּי הָאט מִיךְ אָבְּגֶעלָאזְט אוּנ דִי רֶבִּי'צֶען הָאט
גֶעלֵייזְט מַיין חֵלֶק.

אֵיינְמָאל, גֶעדֶענְק אִיךְ, וִוינְטֶער בַּיי נַאכְט, בִּין אִיךְ

אַ הַיים גֶעקוּמֶען פוּן חֶדֶר אַזוֹי צוּקְנִיפֶּען אוּנ דֶער פְּרָאסְט הָאט מִיךְ אַזוֹי דוּרְכְגֶענוּמֶען, אַז דִי גַאנְצֶע הוֹיט אוֹיפְן לַייבּ הָאט אוֹיף מִיר גֶעשְׁטַארְט.

דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען דִי אוֹיגֶען צוּם הִימֶעל אוּנ הָאבּ יָאמֶערְלִיךְ גֶעוויינְט אוּנ גֶעבֶּעטֶען: „טַאטִישִׁי! זַיי זִיךְ נוֹקֵם אִין זֶרַח קְנַייפּ!.... רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס ווִיל עֶר פוּן מַיין נְשָׁמָה הָאבֶּען?!״

אַז עֶר קְנַייפְּט נוּר דֶעם גוּף, הָאבּ אִיךְ פֶּערגֶעסֶען! אֵין אָדָם נִתְפַּס עַל צַעֲרוֹ!

## 5.

נוּר אַז זֶרַח קְנַייפּ הָאט אַמָאל, אִין אַ „יוֹמָא דְפַגְרָא״ פֶּערמַאכְט דִי גְמָרָא אוּנ גֶענוּמֶען זִיךְ צוּ דֶערְצֶאהְלֶן מַעֲשׂוֹת, אִיז עֶר גָאר גֶעוֶועזֶן אַיין אַנְדֶערֶער מֶענְשׁ.

עֶר הָאט אַרָאפְּגֶעלֶעגְט דֶעם סְפָּאדִיק אוּנ אִיז גֶעבְּלִיבֶּען זִיטְצֶען אִין דִי גְרוֹיסֶע פֶּעדֶערְן; (קַיין יַארְמִילְקֶע הָאט מֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעזֶעהְן) עֶר הָאט אוֹיפְגֶעקְנֶעפֶּעלְט דִי סְטְרָאקֶעס, אוֹיסְגֶעגְלַייכְט דֶעם שְׁטֶערְן, דִי לִיפֶּען הָאבֶּען אִיהם גֶע־שְׁמֵייכֶעלְט, אוּנ דָאס קוֹל אִיז אוֹיךְ גָאר אַנְדֶערְשׁ גֶע־וָוארֶען.

גֶעלֶערְנְט הָאט עֶר מִיטְ'ן הַארְטֶען גְרָאבֶּען בָּאזֶען קוֹל, מִיט וֶועלְכֶען עֶר פְּלֶעגְט צוּ רֶעדֶען מִיט דֶער רֶבִּיצֶען; מַעֲשׂוֹת דֶערְצֶאהְלְט – מִיט דֶעם אֵייגֶענֶעם וַוייבֶען, דִינֶעם, גוּטֶען קוֹל,

מִיט װֶעלְכֶען עֶר פְּלֶעגְט צוּ רֶעדֶען מִיט שְׁפְּרִינְצֶען, מִיט דֶער טְהַייעֶרֶער נְשָׁמָה".

אוּנ מִיר פְלֶעגֶען זִיךְ בַּיי אִיהם שְׁטֶאנְדִיג צוּבֶּעטֶען זִי בַּיי אַגַזָלָן, עֶר זָאל אוּנְז דֶערְצֶעהלֶן אַ מַעֲשֶׂה. מִיר הָאבֶּען נִישְׁט גֶעװאוּסְט, אַז זֶרַח קְנַייפּ קֶען נִישְׁט מֶעהר װִי אֵיין פֶּרֶק „אֵיזֶה נֶשֶׁךְ", מִיט דֶעם הֵייבְּט עֶר אָן אוּנ לָאזְט אוֹיס דֶעם זְמַן, אוּנ מוּז שְׁטִיקֶעװֶען מִיט מַעֲשׂוֹת, בִּפְרַט נָאךְ דֶעם װִינְטֶער זְמַן, װָאס אִיז אָהן יָמִים טוֹבִים. אוּנ מִיר נַארָאנִים פְלֶעגֶען פַאר יֶעדֶער מַעֲשֶׂה צָאהלֶען מִיט בָּאבֶּעם אוּנ מִיט אַרְבֶּעם אוּנ אֵיינְמָאל זִיךְ צוּנוֹיפְגֶעלֶעגְט פַאר שְׁפְּרִינְצֶעם װֶעגֶען אוֹיף אַרוֹיטֶען בַּארְחַאטֶענֶעם שְׁפֶּענְצֶער.

פַאר דֶעם בַּארְחַאטֶענֶעם שְׁפֶּענְצֶער הָאט אוּנְז זֶרַח קְנַייפּ דֶערְצֶאהלְט, װִי אַזוֹי דֶער רבש"ע קְלוֹיבְּט אוֹיס פוּן זַיין אוֹצָר אַ נְשָׁמָה אוּנ בְּלָאזְט זִי אַרַיין אִין אַ גוּף.

אוּנ אִיךְ הָאבּ מִיר פָארְגֶעשְׁטֶעלְט, אַז בַּיים רבש"ע אִין אוֹצָר לִיגֶען אוֹיסְגֶעלֶעגְט דִי נְשָׁמוֹת, װִי דִי סְחוֹרָה בַּיי מַיי-מַאמֶען אִין גֶעװֶעלְבֶּעל, אִין אַלֶערְלֵיי פִידֶעלְקֶעלֶעךְ רוֹיטֶע, גְרִינֶע, װַייסֶע, בְּלָאעֶ... אוּנ אַרוּם גֶעבּוּנְדֶען מִיט שְׁטְרִיקֶעלֶעךְ.

## 6.

— נוּר אַז גָאט, דֶערְצָאהלְט דֶער רֶבִּי, קְלוֹיבְּט אוֹיס אַ נְשָׁמָה אוּנ אִיז גוֹזֵר אוֹיף אִיהר, זִי זָאל אַרָאבְּגֶעהן אוֹיף דֶער זִינְדִיגֶער װֶעלְט, צִיטֶערְט זִי אוּנ װֵיינְט...

דערנאך קומט צו איהר א מלאך אין דער מאמעס בויך אריין, און לערנט מיט איהר אויס כל התורה כלה. נור אז עס קומט די רעכטע צייט, גיט איהר דער מלאך א שנעל אין דער נאז אריין און זי פערגעסט צוריק דאס לערנען.

– דעריבער, זאגט דער רבי, האבען אלע יודישע קינדער צושפאלטענע אייבערסטע ליפען... דעם איינענעם טאג פאר נאכט האבען מיר זיך געגליטשט אונטער דער שטאדט און איך האב דערזעהן, אז די שנצים: יאנטעק, וואיטשעק און יאשעק האבען אויך צושפאלטענע אייבערסטע ליפען.

– יאשעק! האב איך מיר איינגעשטעלט דאס לעבען און געפרעגט: „טי טאקזשע מאיעש דושא?“

– א טאביע, פשא דושא, צא דא טענא? האב איך געהאט א קלארע תשובה.

## 7.

א חוץ ביין א מלמד, האב איך מיך געלערנט ביי אין לעהרער שרייבען.

דעם לעהרער האט מען געהאלטען אין שטאדט פאר אין גרויסען אפיקורוס, און די שכנים האבען זיך נישט געמישט מיט זיינע כלים.

ער איז געווען א אלמן און מען האט נישט געגלויבט, אז ביטעלע, זיין טאכטער, א מיידעל אין מיינע יאהרן, זאל קאנען גוט כשר מאכען פלייש.

עֶר אִיז אָבֶּער גֶעוֶועזֶן אַ גְרוֹיסֶער מוּשְׁלָם, אוּנ מַיין מַאמֶע הָאט גֶעוָואלְט, אַז אִיהר בֶּן יָחִיד זָאל קֶענֶען שְׁרַייבֶּען.

— אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֶעהר, ר' לֶעהרֶער, הָאט זִי גֶעזָאגְט, אִיהר זָאלְט מִיט אִיהם נִישְׁט לֶערְנֶען קֵיין שׁוּם אַפִּקוֹרְסִישֶׁע זַאכֶען, קֵיין תנ"ךְ אוּנ קֵיין פָּסוּק, נוּר לֶערְנְט אִיהם אוֹיס שְׁרַייבֶּען אַ יוּדִישׁ בְּרִיוועל, פָּשׁוּט אַ „שָׁלוֹם לְאַהוּבִי" בְּרִיוֶועל.

אוּנ פוּנְדֶעסְטְוֶועגֶען וַויים אִיךְ נִישְׁט, צוּ דֶער לֶעהרֶער הָאט גֶעהַאלְטֶען וָוארְט.

אַז אִיךְ הָאבּ אִיהם דֶערְצֶעהלְט דִי שַׁאלָה מִיט דִי צוּשְׁפַּאלְטֶענֶע לִיפֶּען, אִיז עֶר אַרַיינְגֶעפַאלֶען אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶען כַּעַס, עֶר הָאט זִיךְ רַאפְּטוּם אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, אַוֶועקְ־גֶעקָאפֶּעט מִיט'ן פוּס דָאס בֶּאנְקֶעל אוּנ הָאט אַרוּמְגֶעשְׁפְּרַייזְט אִין שְׁטוּבּ אוּנ גֶעשְׁרִיעֶן: „גְרָאבֶּע יוּנְגֶען, רוֹצְחִים, פְּלֶעדֶער־מַייז! ...."

אַז עֶר הָאט זִיךְ בֶּערוּהִיגְט, הָאט עֶר זִיךְ צוּרִיק אַנִידֶערְגֶעזֶעצְט, אִיבֶּערְגֶעווִישְׁט דִי פֶּערְלָאפֶּענֶע בְּרִילֶען אוּנ הָאט מִיךְ צוּגֶעצוֹיגֶען צוּ זִיךְ:

— גְלוֹיבּ נִישְׁט, מַיין קִינְד, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט, אִין אַזוֹינֶע נַארִישֶׁע זַאכֶען! דוּ הָאסְט דִיךְ גוּט צוּגֶעקוּקְט צוּ דִי שְׁקָצִים אוֹיף דֶער גְלִיטְשׁ? ווִי הֵייסֶען זֵיי?

אִיךְ הָאבּ אִיהם גֶעזָאגְט דִי נָאמֶען.

— נוּ, פְּרֶעגְט עֶר מִיךְ, צוּ הָאט אֵיינֶער פוּן זֵיי אַנְדֶערֶע מַאדֶע אוֹיגֶען? אַנְדֶערֶע הֶאנְד אוּנ פוּס, אָדֶער אַנְדֶערֶע אֵבָרִים ווִי דוּ? צוּ לַאבֶּען זֵיי נִיט מִיט דִיר גְלַייךְ? אוּנ אַז זֵיי ווֵיינֶען, גִיסֶען זִיךְ בַּיי זֵיי אַנְדֶערֶע מַאדֶע טְהְרֶערֶן ווִי בַּיי דִיר? פַאר

וָואס דֶען זָאלֶען זֵיי נִיט הָאבֶּען קֵיין נְשָׁמָה גְלַייךְ מִיט דִיר? אַלֶע מֶענְשֶׁען זֶענֶען גְלַייךְ, גְלַייכֶע קִינְדֶער. אֵיין גָאט אִיז זֵייעֶר טַאטֶע, אֵיין עֶרְד אִיז זֵייעֶר לַאנְד! אֶמֶת, אַז הַיינְט הָאבֶּען זִיךְ דִי פֶעלְקֶער אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע פַיינְד, יֶעדֶעס פָאלְק רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז עֶר אִיז דִי קְרוֹין פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער אוּנ נוּר אִיהם הָאט גָאט אִין זִינֶען; נוּר מִיר הָאפֶען, אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ בֶּעסֶערֶע צַייט, אַ בֶּעסֶערֶע לִיכְטִיגֶערֶע צַייט, וֶוען אַלֶע מֶענְשֶׁען וֶועלֶן דֶערְקֶענֶען אֵיין גָאט, אֵיין גֶעזֶעטְץ. וֶוען עֶס וֶועט מְקוּיָם וֶוערֶן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע נְבִיאִים'ס וֶוערְטֶער, אַז עֶס וֶועלֶן אוּיפְהֶערֶן אַלֶע מִלְחָמוֹת, פֶערְשְׁווִינְדֶען וֶוערֶן קִנְאָה-שִׂנְאָה, אַלֶע וֶועלֶן דִינֶען אֵיין בּוֹרֵא עוֹלָם אוּנ עֶס וֶועט זַיין וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט: כִּי מִצִיוֹן תֵּצֵא תוֹרָה וּדְבַר ה׳ מִירוּשָׁלַיִם! ...

דֶעם פָּסוּק הָאבּ אִיךְ גֶעדֶענְקְט פוּנ'ם „וַיְהִי בִּנְסוֹעַ" אִינ'ם דַאוְונֶען.

דֶער לֶעהְרֶער הָאט נָאךְ לַאנְג גֶערֶעדְט, נוּר אִיךְ הָאבּ גַאנְץ וֶועניג פֶערְשְׁטַאנֶען; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלוֹיבֶּען, אַז „אַ גוֹי הָאט אוֹיךְ שֵׂכֶל", אַז אַלֶע מֶענְשֶׁען זֶענֶען גְלַייךְ! אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט, אַז דֶער לֶעהְרֶער אִיז אֵיין אַפִּיקוֹרֶס, אַז עֶר גְלוֹיבְּט נִישְׁט אֲפִילוּ אִין גִלְגוּל, חָאטשׁ אִיךְ הָאבּ אַלֵיין גֶעזֶעהֶן, אַז נָאךְ פְרַאדֶעל מוּפְקֶרֶת'ס טוֹיְדְט הָאט זִיךְ אַרוּמגֶעדְרֶעהט אַ שְׁוואַרְצֶער הוּנְד אוּיפ'ן דַאךְ וואוּ זִי הָאט גֶעוואָהנְט.

עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁנִיטֶען דִי נָאגֶעל נִישְׁט אִיבֶּער־

געהיפערט, קיינמאל נישט צונעשניטען קיין עדות און אזוי ארויסגעווארפען דורכ'ן פענכטער!

איך וואלט שוין לאנג אנטלאפען פון איהם, איך וואלט אויסגעזאגט דער מאמען. אז ער רעד על השם ועל משיחו' נוען גישט...

איהר שטויסט זיך אנבאי וועמע איך מיין...

8.

נור דאס איז מיר אריין אין קאפ אריין, אז עס וועט קומען א צייט ווען די אומות העולם וועלן קומען צו אונז לערנען תורה, און דאס האט בעדארפט צו זיין היינט־מארגען.

ביי אונז איז באמת דעמאלט געוועזען משיח'ס צייטען: מען האט געפונען דארויף א שטארקען רמז אין דניאל אין א זיכערן לפ"ק, מען האט געוויזען עפּיס א זהר מיט א מדרש נעלם, מען האט אויך פון אויר צו אויר דערצאהלט, אז דער קאזיניצער האט אויפגעהערט צו זאגען תחנון, און עס איז געוועזען א קלארע ידיעה פון ארץ ישראל, אז דאס יאהר האט זיך נית געוויזען קיין פוקס נעבען כותל מערבי.

און מען האט זיך טאקי געריכט אלע טאג אויף משיח בן יוסף'ן. קהל האט זיך געלאזט קאסטען און איינגעהאלטען די פאדאטקעס; אז משיח וועט קומען ווער וועט געדענקען אזא קליינינקייט צוריק צומאהנען!

דעם ערנסטען סוף האבען געהאט די ווייבער, עס זענען

פַּאר אַ יָאהרֶן נָאךְ אַיינְגֶעפַאלֶען דִי טְרֶעפּ פוּן מִקְוֵה.
צֶעהן מָאהל הָאט מֶען נִיט גֶעלָאזְט „אוֹיסְנֶעהמֶען", אֵיידֶער מֶען
הָאט צוּזַאמֶען גֶענוּמֶען גֶעלְד אוֹיף נַיי גֶעהִילְץ. נוּ, עֶס לִינְט
שׁוֹין בה"ש גְרֵייט, עֶס אִיז אָבֶּער פָּארְט אַ שָׁאד צוּ דִינְגֶען
אַ בַּעַל מְלָאכָה, סְ'אִיז אַ עֲבֵרָה דִי פָּאר קָארְבְּלֶעךְ!

אוּנ אִיךְ בִּין זִיכֶער גֶעוֶועזֶן, אַז אִין אַ קוּרְצֶער צַייט
וֶועט דֶער אֵיינֶגֶער יַאשֶׁעק, וָואס אִיז מִיר נֶעבְּטֶען
אוּנְטֶערְגֶעלָאפֶען אוֹיף דֶער גְלִיטְשׁ, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט
אַ שׁוּסְטֶער", וָואס דוּרְךְ אִיהר הָאבּ אִיךְ שִׁיעוּר הַאלְז אוּנ
לַייבּ צוּבְּרָאכֶען; דֶער אֵיינֶגֶער וָואיטֶעק, וָואס וַוייזְט מִיר
אַלֶע מָאהל אַ חַזִיר=אוֹיר, אוּנ דֶער אֵיינֶגֶער יַאנְטֶעק, וָואס
צֶאהלְט אוּנְז: רַאז, דְוַוא, טְשִׁי — וֶועלן קוּמֶען צוּ מִיר בְּקִידָה
וְהִשְׁתַּחֲוָיָה פְרֶאגֶען אַ דִין, לְמָשָׁל: פוּן מוּקְצָה!

אוּנ אִיךְ רַחֲמָן בֶּן רַחֲמָנִים, וֶועל זֵיי נִישְׁט גֶעדֶענְקֶען
זֵייעֶר שְׁלֶעכְטְס, וָואס זֵיי הָאבֶּען מִיר גֶעטְהוּן, אִיךְ וֶועל זֵיי
זָאגֶען, אִיךְ וֶועל זֵיי מְקָרֵב זַיין אוּנ אוֹיסְזָאגֶען דֶעם סוֹד
פוּן דֶער אַייזֶערְנֶער מִיט דֶער פַּאפִּיעֶרֶענֶער בְּרִיק אוּנ אָנ=
זָאגֶען זֵיי תִּזָהֵר וְתִזָהֵר, אַז זֵיי זָאלֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְוֶוע=
גֶען צוּ צוּגֶעהן צוּ דֶער אַייזֶערְנֶער בְּרִיק. אַמְבֶּעסְטֶען, הָאבּ
אִיךְ מִיךְ גֶעטְרַאכְט, וָואלְט גֶעוֶועזֶן, זֵיי זָאלֶען זִיךְ גָאר
הַאלְטֶען פוּן דֶערְוַוייטֶענְס, אַבִּי זֵיי זָאלֶען רַאטִיוֶוען זֵייעֶרֶע
נְשָׁמוֹת...

9.

עֶרֶב ראֹש הַשָּׁנָה הָאבּ אִיךְ גֶעֶנְדִיגְט דֶעם פֶּרֶק „אֵיזֶהוּ נְשָׁךְ“ אוּנ הָאבּ גֶעפִיהלְט דֶעם טַעַם פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם.

ר׳ יוֹזֶל, מַיין נַייעֶר רֶבִּי, הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט, קְנַייפְּט גִישְׁט, נוּר אֲפִילוּ שְׁלָאגֶען, שְׁלָאגְט עֶר אוֹיךְ נִיט אוּמְזִיסְט. רֶבִּי יוֹזֶלְען הָאבּ אִיךְ אַלֶע מָאל גֶעזֶעהֶן בַּיי׳ם דַאוְונֶען, דָאס אִיז גֶעוֶועזֶן אַ הוֹיכֶער יוּד מִיט גְרוֹיסֶע בְּרֶעמֶען, אַז מֶען הָאט בַּיי אִיהם קֵיין אוֹיג נִישְׁט אַרוֹיסגֶעזֶעהֶן. עֶר פְלֶעגְט צוּ גֶעהְן אָפֶען מִיט׳ן קָאפְּטֶען אוּנ פוּן אוּנְטֶער דֶער לַאנְגֶער צְוֵויישְׁפִּיצִיגֶער וַוייסֶער בָּארְד, הָאט פוּן בֵּיידֶע זַייטֶען אַרוֹיסגֶעשְׁטַארְט דֶער טַלִית קָטָן. גֶעגַאנְגֶען אִיז עֶר שְׁטִיל אוּנ הָאט שְׁטִיל גֶערֶעדְט; גְלַייךְ אַלְץ וָואלְט גֶעוֶועזֶן אַ סוֹד. דֶערְבַּיי הָאט עֶר גַאנְץ לַאנְגזַאם אַרוֹיף אוּנ אַרָאפּגֶעשָׁאקֶעלְט מִיט׳ן קָאפּ, אוֹיפגֶעהוֹיבֶען דִי בְּרֶעמֶען, צוּזַאמֶענגֶעצוֹיגֶען דֶעם שְׁטֶערְן, אַרוֹיסגֶעשְׁטֶעקְט בֵּיידֶע לִיפֶּען מִיט דִי וָואנְסֶעם אוּנ אַרַיינגֶעשְׁטֶעקְט בֵּיידֶע הֶענְד אִין נַארְטֶעל אַרַיין; עֶס הָאט זִיךְ גֶעדַאכְט, אַז יֶעדֶעס וָוארְט אִיז אֵיינְס פוּן דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאכֶען אוּנ זַיינֶע רֵייד שְׁטֶעהֶען טַאקִי בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם.

ר׳ יוֹזֶל אִיז אַמָאל גֶעוֶועזֶן אַ „מְשׁוּלָח“ בַּיי אֵיינֶעם פוּן דִי גְרוֹיסֶע גוּטֶע יוּדֶען, עַד הַיּוֹם הָאט עֶר פוּן רֶבִּי׳ם אִין קָאמִיסְיָאן: פֶערְשְׁפַּרָאכֶענֶעם בּוּימְאֵל, מַטְבֵּעוֹת, קְמֵעוֹת אוּנ שְׁמִירֶה׳לִיךְ; עֶר אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער אִין שְׁטָאדְט אָבּצוּשְׁפְּרֶעכֶען

זַיין הָרֶע'ס, אוּן אַז דֶער רָב אִיז נִישְׁט בְּקִי הַבְּרִיאָה זָאגְט עֶר פַּאר אִיהם, שַׁבַּת הַגָּדוֹל, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מַאכְט אַ מָאל אַ הֶסְפֵּד. דֶער רָב אִיז גֶעוֶועזֶן אַיין אַלְטֶער שְׁוַואכֶער יוּד אוּן רַבִּי יוֹזֶל הָאט זִיךְ גֶערִיכְט „אִיבֶּער הוּנְדֶערְט צְוַואנְצִיג יָאהר" זַיין אָרְט צוּ פֶּערְטְרֶעטֶען.

אַחוּץ דֶעם אִיז ר׳ יוֹזֶל גֶעוֶועזֶן אַיין בֶּערִיהְמְטֶער בַּעַל תּוֹקֵעַ, אוּן אַז עֶר פְּלֶעגְט צוּמַאכֶען דִי בְּרָכָה פַּאר דִי תְּקִיעוֹת, הָאט מַאכִי אַ פִישׁ אִין וַואסֶער גֶעצִיטֶערְט.

אוּן אִיךְ בִּין גֶעוָוארֶן מָלֵא גַּאֲוָה, אַז אִיךְ וֶועל זַיין יוֹזֶלְס תַּלְמִיד.

נָאךְ פַאר יוֹם כִּפּוּר הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט דִי גֶעלֶעגֶענְהֵייט צוּ רֶעדֶען מִיט ר׳ יוֹזְלֶען אִיבֶּער דֶער נְשָׁמָה.

דִי נְשָׁמָה אִיז גֶעוָוארן בַּיי מִיר אַיין אִידֶעעֶ פִיקְס. זִי אִיז מִיר נִישְׁט אַרָאבְּגֶעגַאנְגֶען קַיין רֶגַע פוּן דִי גֶעדַאנְקֶען. דָאס עֶרְשְׁטֶע הָאט מִיר ר׳ יוֹזֶל אַרוֹיסְגֶעשְׁלָאגֶען פוּן קָאפּ דָאס חַבֵר'קַייט מִיט דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, אוּן אַרַיינְגֶעשְׁלָאגֶען אִין אַמְבִּיצְיֶע אַרַיין מִיט'ן „אַתָּה בְחַרְתָּנוּ".

— נִישְׁט אוּמְזִיסְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט, לַיידֶען מִיר גָּלוּת, בִּיזוּי בְּזְיוֹנוֹת אוּן אַזוֹינֶע מַכּוֹת, וָואס שְׁטֶעהֶען נִישְׁט אִין דֶער תּוֹכָחָה! מִיר זָאלֶען גְלַייךְ זַיין מִיט דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, וָואלְטֶען מִיר גֶעהַאט עוֹלָם הַזֶה גְלַייךְ מִיט זֵיי. „דָאס קִינְד, וָואס דֶער טַאטֶע הָאט לִיעבּ — דָאס שְׁמַייסְט עֶר", כְּדֵי ס'זָאל וֶועלְן לֶערְנֶען אוּן אַרַיינְקוּמֶען אִין אַלֶע שַׁעֲרֵי בִּינָה אַרַיין"....

— נוּר אֲפִילוּ בַּיי אוּנְז יוּדֶען, זָאגְט רַבִּי יוֹזֶל, זֶענֶען נִישְׁט אַלֶע נְשָׁמוֹת גְלַייךְ: עֶס זֶענֶען דָא גְרָאבֶּע, פְּרָאסְטֶע נְשָׁמוֹת

ווִי זָרַח קְגַייפ לְמָשָׁל. דַיין לֶעהרֶער, דֶער אַפִּיקוֹרוֹס, הָאט אַ נְשָׁמָה בִּבְחִינַת קֹרַח; עֶס זֶענֶען פַארְהַאנֶען נְשָׁמוֹת גְרוֹיסֶע, גָאר גְרוֹיסֶע: טְהֵייל קוּמֶען אַרוֹיס פוּן דֶער „חֲתִירָה" פוּן אוּנְטֶערן כִּסֵא הַכָּבוֹד; עֶס זֶענֶען פַארְהַאנֶען גָאר, גָאר נְשָׁמוֹת עֶלְיוֹנוֹת בִּבְחִינַת קֶמַח סוֹלֶת". אִיךְ הָאבּ וֶוענִיג פֶערְשְׁטַאנֶען פוּן דִי בְּחִינוֹת אוּנ בִּפְרַט פוּן דֶער חֲתִירָה פוּן אוּנְטֶערן כִּסֵא הַכָּבוֹד; אִיךְ הָאבּ נוּר גֶעווּאוּסְט וָואס מֶען מֵיינְט קֶמַח סֹלֶת, אוּנ הָאבּ מִיר פָארְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם חִלוּק פוּן דִי נְשָׁמוֹת, ווִי צְווִישֶׁען רָאזְשֶׁעוַואנֶע-מֶעהל, קָארְנְמֶעהל, וֵוייצֶענְמֶעהל אוּנ מֶעהל, וָואס מֶען נֶעהמְט לְכָבוֹד שַׁבָּת אוֹיף חַלָה. דִי גְרֶאסְטֶע נְשָׁמוֹת מוּזֶען זַיין מִיט זַאפְרַאן אוּנ רָאזֶענְקֶעס!

10.

— נוּר דֶער עִיקָר, זָאגְט יוֹזֶל, זֶענֶען יְסוּרִים.

— קֵיין אֵיינְצִיגֶע נְשָׁמָה וֶוערְט נִישְׁט פֶערְלוֹירן, אַלֶע מוּזֶען צוּרִיקְקוּמֶען צוּ דֶער מַדְרֵגָה, וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועזן אֵיידֶער זֵיי זֶענֶען אַרָאבְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּנ גֶערֵיינִיגְט וֶוערן דִי נְשָׁמוֹת נוּר דוּרְךְ יְסוּרִים: דֶער בּוֹרֵא עוֹלָם מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת שִׁיקְט אוֹיף אוּנְז יְסוּרִים מִיר זָאלֶען זִיךְ דֶערְמַאנֶען, אַז מִיר זֶענֶען נוּר בָּשָׂר וָדָם, אַ חֶרֶס הַנִשְׁבָּר, אַ גָארְנִישְׁט, אוּנ אַז עֶר גִיט נוּר אַ קוּק אוֹיף אוּנְז, צוּפַאלֶען מִיר אוּנ וֶוערן בָּטֵל כְּעַפְרָא דְאַרְעָא... נוּר אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט רֵיינִיגְט מֶען אוֹיךְ דִי נְשָׁמוֹת."

און ער האט מיר דערצאהלט, וואס מען טהוט אַלץ מיט די אַרימע נשמות אין די שבעה מדורות של גיהנם...

## 11.

צווישען די ימים טובים האב איך געהאט מעהר צייט אומצוקוקען זיך אין דערהיים. פאר סכות האט מען ביי אונז געוואשען גרעט.

ביי נאכט האט זיך מיר געחלומ׳ט אז איך בין אויף יענער וועלט. איך האב געזעהן, ווי מלאכים שטעקען ארויס די האנד פונ׳ם הימעל און חאפען ארויף נשמה׳לעך, וואס קומען זיך צוריק פון דער וועלט. און די מלאכים קלויבען זיי איבער: גאר די ריינע, די ווייסע ווי שניי, פליהען זיי ארויס פון די האנד ווי טויבען, גלייך אין גן עדן אריין. די ברודיגע — שיט מען אן א בארג, און דעם בארג ווארפט מען אריין אין ים הקרח. וואו עס שטעהען שווארצע מלאכים פערקאסערט די האנד און וואשען זיי. נאכדעם קאכט מען זיי ערשט איבער אין גרויסע, שווארצע טאפ, ביי׳ם פייער פונ׳ם גיהנום.

און אז מען קוועטשט אויס פון זיי דעם ברוד, און אז מען פרעסט זיי, הערט מען דאס געוויין פון די נשמות מסוף העולם עד סופו.

צווישען די ברודיגע וועש האב איך דערקענט דעם לעדערערס נשמה, זי האט געהאט זיין לאנגע גאז, זיינע

איינגעפאלענע באקען, זיין שפיצינ בארדעל און האט גע־
טראגען זיינע גרויסע בלויע ברילען, און מען האט זי גע־
וואשען, און זי איז אלע מאל שווארצער געווארן....

און א מלאך האט אויסגערופען: דאס איז דעם לעהרערס,
דעם אפיקורוס'ס נשמה!"...דערנאך האט דער איינגענער מלאך
צו מיר געזאגט מיט כעס: אז דו וועסט געהן אין זיינע
דרכים, וועט דיין נשמה אויך זיין אזוי ברודיג און מען וועט
זי אלע נאכט אזוי וואשען, ביז זי וועט פערפאלען ווערן
אויף כף־הקלע.

— איך וועל נישט געהן אין זיינע דרכים! האב איך
ארויסגעשריען פון שלאף.

די מאמע האט מיך אויפגעוועקט, אראבגעלעגט מיר
די האנד פון הארץ.

— וואס איז מיט דיר, תכשיט מיינער? האט זי געפרעגט
דערשראקען. דו שווימסט ארום אין שוויים!

— פאו, פאו, פאו! האט זי מיך געבלאזען.

— מאמע איך בין געוועזן אויף יענער וועלט!....

אין דער פריה האט מיך די מאמע גאנץ ערנסט גע־
פרעגט, אויב איך האב נישט דארט דעם טאטען געזעהן?
איך האב געזאגט: ניין!

— א שאד, א שאד! האט זי געזשאלעוועט, ער וואלט
דיר אוודאי עפּיס אנגעזאגט פון מיינעט וועגען.

## 12.

וָואס קוּמְט אַרוֹיס, אַז דָער לֶערֶער מַאכְט חוֹזֶק אֲפִילוּ אוֹיף חֲלוֹמוֹת! אִיהם אַלֵיין צוּלִיעב, נוּר נָאךְ מֶעהר גִיטֶעלֶ׳ן צוּ לִיעב, הָאבּ אִיךְ אִיהם גֶעוָואלְט רַאטֶעוֶועֶן, אוּנ הָאבּ אִיהם דֶערְצֶאהלְט מַיין גַאנְצֶען חָלוֹם. עֶר הָאט אָבֶּער גֶעזָאגְט, אַז דֶער חָלוֹם אִיז אַ נַאר, עֶר מַאכְט זִיךְ נִישְׁט פוּן אַ זוֹינֶע זַאכֶען.

עֶר ווִיל מִיר בְּרֶענְגֶען רַאֲיוֹת פוּן תּנ״ךְ אוּנ פוּן דֶער גְמָרָא, אַז חֲלוֹמוֹת זֶענֶען פְּלֶעוֶועס. שִׁישְׁקֶעס אוּנ וַואנְצֶען; אִיךְ פֶערְשְׁטֶעקְ מִיר אָבֶּער דִי אוֹירֶן מִיט דִי קְלֵיינֶע פִינְגֶער אוּנ ווִיל נִישְׁט הֶערֶן.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהן בְּעַשְׁיינְפֶּערְלִיךְ, אַז עֶר אִיז פַארְפַאלֶען, אַז זַיין גְזַר דִין וֶועט זַיין בִּיטֶער, אַז אִיךְ דַארְף אִיהם צוּ וַוייכֶען ווִי אֵיין עַפוּשׁ; ווַייל עֶר ווִיל אוּמְבְּרֶענְגֶען מַיין נְשָׁמָה — מַיין יוּנְגֶע נְשָׁמָה!

נוּר וָואס קוּמְט אַרוֹיס? ווִיפִיעל מָאל אִיךְ הָאבּ מִיר צוּגֶעזָאגְט, אַז אִיךְ וֶועל אַלְץ דֶערְצֶאהלֶן דֶער מַאמֶען, הָאבּ אִיךְ קֵיין אֵיינְצִיג מָאל נִישְׁט גֶעהַאלְטֶען קֵיין וָוארְט.

ווִיפִיעל מָאל אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעאָפֶענְט דָאס מוֹיל צוּזָאגֶען — הָאט זִיךְ מִיר אַלְץ גֶעדַאכְט, אַז גִיטֶעלֶע שְׁטֶעהט הִינְטֶער דֶער מַאמֶעס פְּלֵייצֶעס, פֶערְשְׁפְּרֵייט צוּ מִיר אִיהרֶע דְרָאבְּנֶע הֶאנְדְטְלֶעךְ, אוּנ ווִינְקְט צוּ מִיר מִיט דִי גְרוֹיסֶע

אויגען: „גיין, גיין! זאג נישט!"

און איהרע אויגען זענען שטארקער געוועזן ווי מיין פרומקייט. איך פיהל, אז נישט נור אין פייער און וואסער נור אין גיהנום אריין וואלט איך מיך פאר איהר געווארפען. איך האב געזעהן בחוש, אז דורך איהר וועט פערלוירען געהן מיין נשמה.

און עס איז מיר געוועזן א גרויסע שאד: די מאמע און אלע מיינע מלמדים האבען געגלויבט באמונה שלמה, אז פון מיר וועט א מאל ארויסוואכסען עפיס גאר גרויס... צום סוף?....

## 13.

איך בין פטור געווארן זרח קנייפ מיט זיין פריע׳ה נאגעל, נור צו איז מיר באמת בעסער געווארען?

איך בין שוין אלט געוועזן זעכצעהן יאהר. שדכנים האבען שוין געריסען ביי דער מאמען די פאלעס און איך האב נאך געהאט א קינדישע טבע ארויבצוהאפען וואכם מוצאי יום כפור פונ׳ם שולחן און צו קנעטען אין חדר אונטערן טיש.

דער שמש פלעגט מיר זיין דערפאר א שונא אויפן לעבען, און איך האב געהאט דערפאר א שאנעם פסק.

— וואו האלכט דו? האט מיך באפטעם ר׳ יוזל א פראג געטהון.

אִיךְ בִּין גֶעוֶועזֶן פֶערְטְרַאכְט אוּן הָאבּ אַרוֹיפְגֶעלֶעגְט אוֹיף דֶער גְמָרָא דִי גַאנְצֶע הַאנְד: אַלֶע פִינְף פִינְגֶער מִיט'ן פַּאדֶעק וַואכְּס.

ר' יוֹזֶל אִיז בְּלַאס גֶעוָוארן פַאר כַּעַס. עֶר הָאט גֶעעֶפֶענְט דָאס שׁוּפְלֶאדֶעל, אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ דִינְן שְׁטְרִיקֶעל אוּן הָאט מִיר צוּזַאמֶען גֶעבּוּנְדֶען בֵּיידֶע גְרָאבֶּע פִינְגֶער אַזוֹי שְׁטַייף, אַז עֶס הָאט מִיךְ אַזְשׁ אָנְגֶעהַאפְּט כִּיי'ם הַאֶרְץ.

נוּר גִישְׁט דָאס הָאט עֶר גֶעמֵיינְט.

עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם בֶּעזֶעם אוּן הָאט גַאנְץ וָואילְנֶע אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען אוּן אַרוֹיסְגֶעְרִיסֶען אַ וַוייךְ דִינְן רִיטֶעל. מִיט דֶעם רִיטֶעל הָאט עֶר מִיר גֶעשְׁמִיסֶען אִיבֶּער דִי צוּזַאמֶענְגֶעבּוּנְדֶענֶע הֶאנְד אֶפְשַׁר אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה דוּרְכְאַנַאנְד, אוּן מִיר הָאט זִיךְ גֶעדַאכְט, עֶס גֶעדוֹיעֶרְט אֵייבִּיג. אוּן — אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ, אִיךְ הָאבּ דִי יְסוּרִים מְקַבֵּל גֶעוֶועזֶן בְּאַהֲבָה; אִיךְ הָאבּ אִין זִינְן גֶעהַאט, אַז דָאס שִׁיקְט דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אוֹיף מִיר יְסוּרִים, אִיךְ זָאל תְּשׁוּבָה טְהוּן אוּן — נִיט מֶעהר גֶעהן צוּם לֶעהרֶער.

אַז דִי הֶאנְד זֶענֶען מִיר שׁוֹין גוּט גֶעשְׁוָואלֶען גֶעוָוארְן אוּן דִי הוֹיט אִיז אָנְגֶעלָאפֶען מִיט אַלֶערְלֵיי קָאלִירֶען, הָאט ר' יוֹזֶל אַוֶועקְגֶעלֶעגְט דָאס רִיטֶעל אוּן גֶעזָאגְט: גֶענוּג! מֶעהר וֶועסְטוּ שׁוֹין קֵיין וַואכְּס נִיט קְנֶעטֶען!

אִיךְ הָאבּ פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען וַוייטֶער גֶעקְנָאטֶען.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דָאס גְרֶעסְטֶע פֶערְגְנִיגֶען דֶערְפוּן, אַז אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט פוּנ'ם וַואכְּס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט. אִיךְ הָאבּ גֶעפִיהלְט, אַז אִיךְ הָאבּ אִיבֶּער עֶפִּים צוּ שַׁאפֶען.

אִיךְ פְּלֶעג אוֹיסְקְנֶעטְעֶן אַקָאפּ פוּן אַ מֶענְשׁ, דֶערְפוּן גֶעמַאכְט אַ קַאטְץ אָדֶער אַ מַייזֶעל, דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ אַרוֹיס גֶעצוֹיגֶען פוּן דִי זַייטְעֶן פְּלִיגֶעל, גֶעשְׁפָּאלְטֶען דֶעם קָאפּ אוֹיף צְוַוייעֶן אוּנ — עֶס אִיז אַרוֹיס אַ רוּסִישֶׁער אָדְלֶער, אוּנ גָאר דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ פוּן בֵּיידֶע קֶאפּ אוּנ בֵּיידֶע פְּלִיגֶעל גֶעפְלָאכְטֶען אַ קוֹילֶעטְשׁ אִין פִּיעֶר'ן.

אוּנ אִיךְ אַלֵיין בִּין אוֹיךְ גֶעוֶועזֶן אַזַא שְׁטִיק וַואכְס.... מִיךְ הָאט גֶעקְנֶעטֶען ר' יוֹזֶל, דֶער לֶעהְרֶער, דִי מַאמֶע אוּנ—וֶוער עֶס הָאט נוּר גֶעוָואלְט, נוּר גִיטֶעלֶע הָאט מִיךְ גֶעטָאפְּיֶעט!....

14.

מֶען הָאט מִיךְ גֶעקְנֶעטֶען וִוי וַואכְס נוּר—מִיר הָאט עֶס וֶועה גֶעטְהוּן!

אִיךְ גֶעדֶענְק גַאנְץ גוּט, אַז עֶס הָאט מִיר וֶועה גֶעטְהוּן; נוּר פַאר וָואס, וָואס אִיז גְרָאד מִיךְ אָנְגֶעגַאנְגֶען דִי נְשָׁמָה?

מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבֶּען פוּן מִיר גֶעלַאכְט, זֵיי הָאבֶּען מִיר אַ נָאמֶען גֶעגֶעבֶּען „נְשָׁמָה יוּנְג“, אוּנ וִוי נַארִישׁ דֶער נָאמֶען אִיז גֶעוֶועזֶן, אַזוֹי פִיעל צָרוֹת הָאבּ אִיךְ פוּן אִיהם גֶעהַאט.

אִיךְ בִּין פֶערְטְרַאכְט, אִיךְ קְלֶער וָואס מַיין סוֹף וֶועט זַיין, וֶוען אִיךְ וֶועל שׁוֹין כַּח הָאבֶּען מִיךְ אוֹיסְצוּרַייסֶען פוּנ'ם

שָׂטָן'ס הַאנְד; אִיךְ רֶעכֶען מִיךְ אָב מִיט מַיין אֵיינֶענֶער נְשָׁמָה, אִיךְ זָאג אִיהר מוּסָר, אִיךְ זִידֶעל זִי..... רַאפְּטָאם גִיט מִיר אֵיינֶער אַ שְׁנֶעל אִין דֶער נָאז: „נְשָׁמָה יוּנְג"! — אִיךְ וְויל פֶער־גֶעסֶען אִין מַיינֶע צָרוֹת, פֶערְטִיף מִיךְ אִין אַ וֶועלְט קַשְׁיָא, שְׁפַּאן צוּזַאמֶען אַ שְׁוֶוערן תּוֹסְפוֹת מִיט אַ הַארְבֶען רַמְבַּ"ם, בְּרָאק אַיין אַ „פְּנֵי יְהוֹשֻׁעַ" אוּנ מִישׁ אוּיס מִיט'ן „תּוּמִים"; אִיךְ בִּין שׁוֹין גָאר אוּיף אַ אַנְדֶער וֶועלְט: אוּיס לֶערֶער, אוּיס נִיטֶעלֶע, אוּיס נְשָׁמָה... עֶס הֶעבְּט זִיךְ שׁוֹין אָן צוּזַאמֶענְצוּ־שְׁרוּיפֶען אִינ'ם מוֹחַ, אָט פַאל אִיךְ שׁוֹין אוּיף דֶער הַמְצָאָה, דָאס רֶעכְטֶע וָוארְט לִינְט מִיר שׁוֹין אוּיף דֶער שְׁפִּיטְץ צוּנְג — רַאפְּטִים גִיט מִיר עֶמִיץ אַ פַּייף אִין אוֹיר אַרַיין: „נְשָׁמָה יוּנְג!" עֶס הִילֶכְט, דֶער מוֹחַ פְּלַאצְט, אוּיס רמב"ם, אוּיס תּוֹסְפוֹת, אוּיס פְּנֵי יְהוֹשֻׁעַ, אוּיס תּוּמִים, אִיךְ בִּין שׁוֹין וַוייטֶער אוּיף דֶער עֶרְד!

אִיךְ שְׁטֶעה שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אִיךְ הָאב אַ פָּאל הַארְץ אוּנ פָאלֶע אוּיגֶען מִיט גֶעוויין „רְפָאֵנוּ ה' וְנֵרָפֵא", בֶּעט אִיךְ מִיט גְרוּיס כַּוָּנָה, אוּנ מַיין נִיט חָלִילָה דֶעם גוּף נוּר טַאקִי דִי נְשָׁמָה: הֵייל, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵייל מַיין אָרֶעמֶע יוּנְגֶע נְשָׁמָה! „אָט דָאס אִיז דֶער נְשָׁמָה יוּנְג" וַוייזְט אֵיינֶער אִין מִיטֶען אוּיף מִיר; אוּיס כַּוָּנָה!

אַזוֹי הָאב אִיךְ גֶעלִיטֶען טָאג אַזוֹי נַאכְט.

## 15:

גִיטֶעלֶען הָאט מֶען גֶעהַאלְטֶען פַאר אַ גְרויסֶע חֲכָמָה: דֶער פָאטֶער פְלֶעגְט זִי אַנְדֶערְשׁ נִישְׁט צוּרוּפֶען נוּר „חֲכָמָה סַיינֶע״. אַלֶע שְׁכֵנוֹת פְלֶעגֶען זָאגֶען, אַז זִי אִיז קְלוּג וִוי דֶער טָאג, אַז וֶוען זִי זָאל אַזוֹי פְרוּם זַיין וִוי קְלוּג זִי אִיז, וָואלְט גֶעוֶועזֶן אַ פְּרֵייד פַאר אִיהר מַאמֶען אִין גַן עֵדֶן. מַיין מַאמֶע פְלֶעגְט זִי אוֹיךְ שְׁטָאנְדִיג צוּ לוֹיבֶּען, אַז זִי אִיז אַ גְרויסֶע מְחוּכֶּמֶת, וָואלְט זִי נוּר בֶּעסֶער כָּשֵׁר גֶעמַאכְט פְלֵייש וָואלְט זִי זִיךְ (דִי מַאמֶע) אַזַא שְׁנוּר גֶעוואוּנְשֶׁען.

אוּנ אֵיינְמָאל, אַז אִיךְ הָאבּ נִיט גֶעטְרָאפֶען דֶעם לֶעהְרֶער אִין דֶערְהֵיים אוּנ גִיטֶעלֶע אִיז אַלֵיין גֶעוֶועזֶן, אִיז מִיר אַיינְגֶעפַאלֶען, אִיךְ זָאל זִיךְ מִיט אִיהר אֵיין עֵצָה הַאלְטֶען אִיבֶּער דֶער נְשָׁמָה.

דִי פִּיס הָאבֶּען אוּנְטֶער מִיר גֶעצִיטֶערְט, דִי הֶאנְד־גֶעוָוארְפֶען, דָאס הַארְץ—גֶעצַאפֶּעלְט, דִי אוֹיגֶען הָאבּ אִיךְ אַריינְגֶעשְׁטֶעקְט אִין דֶער עֶרְד וִוי אַ טְרֵפָה מֶעסֶער אוּנ הָאבּ פָארְט גֶעפְרֶעגְט: מֶען זָאגְט, גִיטֶעלֶע, אַז דוּ בִּיזְט אַ קְלוּגֶע, זָאג מִיר, אִיךְ בֶּעט דִיךְ, וָואס אִיז אַזוֹינְס נְשָׁמָה?

זִי הָאט גֶעשְׁמֵייכֶעלְט אוּנ גֶעעָנְטְוֶוערְט:

— אָסוּר, אוֹיבּ אִיךְ וֵויים!

נוּר רַאפְּטֶעם אִיז זִי טְרוֹיעֶרִיג גֶעוָוארן אוּנ טְהְרֶערֶען זֶענֶען אִיהר גֶעקוּמֶען אִין דִי אוֹיגֶען אַריין.

— אִיךְ הָאבּ מִיךְ דֶערְמַאנְט – זָאגְט זִי מִיר – אַז וֶוען דִי מַאמֶע, עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, הָאט גֶעלֶעבְּט, הָאט דֶער טַאטֶע שְׁטֶאנְדִיג גֶעזָאגְט, אַז זִי אִיז זַיין נְשָׁמָה..... זַיי הָאבֶּען זִיךְ אַזוֹי לִיעבּ גֶעהַאט!...

אִיךְ וֵוייס נִיט פוּן וַואנֶען עֶס הָאט זִיךְ צוּ מִיר גֶענוּמֶען, נוּר אִיךְ הָאבּ זִי רַאפְּטֶעם אָנְגֶעחַאפְּט בַּיי דֶער הַאנְד אוּנ גֶעצִיטֶערְט אוּנ גֶעפְרָאגְט:

— גִיטֶעלֶע, דוּ וָואלְסְט גֶעוָואלְט זַיין מַיין נְשָׁמָה?

זִי הָאט מִיר גַאנְץ שְׁטִיל גֶעאֶנְטְוֶוערְט:

יָא!

## 16.

אוּנ וִויפִיעל גְלִיקֶען הָאבּ אִיךְ אַלְץ גֶעהַאט!

אַ גְלִיק: וָואס גִיטֶעלֶע אִיז גֶעוֶועזֶן אַ בַּת יְחִידָה אוּנ אִיךְ אַ בֶּן יָחִיד אוּנ בֵּיידֶע יְתוֹמִים, אִיז אוּנְז לַייכְטֶער גֶעוֶועזֶן צוּ פוֹעלְן; אַנְגְלִיק, וָואס דֶער לֶעהְרֶער הָאט צוּזַאמֶען גֶעלֶעגְט אַ פָּאר הוּנְדֶערְט רוּבֶּעל נְדָן אוּנ מַיין מַאמֶע הָאט זַיי נֶאטְהִיג גֶעדַארְפְט אִין גֶעוֶועלְבֶּעל אַרַיין; אַ גְלִיק וָואס אִיךְ הָאבּ רַאפְּטֶעם גֶעקְרִיגֶען – אוּנ טַאקִי גָאר אוּמְזִיסְט – אַ שְׁלֶעכְטֶען שֵׁם, אַז אִיךְ וַואכְּס אַיין אַפִּיקוֹרוֹס אוּנ קֵיינֶער הָאט מִיךְ נִיט גֶעוָואלְט אוֹיפְחַאפֶּען. אוּנ–דָאס גְרֶעסְטֶע גְלִיק אִיז גֶעוֶועזֶן, וָואס אִיךְ בִּין גֶעפַאלֶען אוֹיף אַ שֵׂכֶל אוּנ הָאבּ אוּנְטֶערְגֶעשִׁיקְט צִיפֶּע דִי וַואטֶענְמַאכֶערִין, אַ שַׁדְכָנְטֶע, אַ מוֹיל אוֹיף שְׁרוֹיפֶען אוּנ הָאבּ

אִיהר צוּגֶעזָאגְט נָאר בֶּעזוּנְדֶער צוּ גֶעבֶּען אַ סַךְ גֶעלְד : —און פוּן דֶעסְטְוֶוענֶען הָאט נָאךְ אַלְץ דִי מַאמֶע גֶעוֵויינְט אִיבֶּער מִיר: אוֹי, וֶוען דַיין טַאטֶע זָאל אוֹיפְשְׁטֶעהן פוּן „קֶבֶר און זָאל זֶעהן מִיט וֶועמֶען אִיךְ טְהוּ, וָואלְט עֶר נָאךְ אַמָאל פוּן חַרָפָּה גֶעשְׁטָארְבֶּען!

דֶעמָאלְט בִּין אִיךְ גֶעפַאלֶען נָאךְ אוֹיף אַ שֵׂכֶל : אִיךְ הָאבּ וַוייטֶער אִין מִיטֶען דֶערְנָאכְט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ שְׁרַייֶען, אִיךְ בִּין נָאךְ אַמָאל גֶעוֶועזֶן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט און הָאבּ טַאקִי בַּאלְד אָבְּגֶעגֶעבֶּען דֶער מַאמֶען אַ גְרוּס, אַז דֶער טַאטֶע בֶּּעשְׁטֶעהְט אוֹיף דֶעם שְׁדוּךְ.

און אִיךְ הָאבּ גֶעקְרִיגֶען אַ נַייֶע נְשָׁמָה...

# דער משוגע'נער בטלן

# דֶער מְשׁוּגָעֶנֶער בַּטְלָן.

---

1.

עֶר אִיז גֶעלָאפֶען אוֹיף אוּנ אָב בַּיי טָאג אֵיינֶער אַלֵיין אִין בּיה״מ אוּנ רַאפְּטֶעם זִיךְ אָבְגֶעשְׁטֶעלְט.

– רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! וֶוער בִּין אִיךְ?

– וֶוער בִּין אִיךְ?... מֶען רוּפְט מִיךְ: בֶּערל חַאנְטְשֶׁעס...
נוּ, בִּין אִיךְ דֶען בֶּערל חַאנְטְשֶׁעס? בִּין אִיךְ דֶער נָאמֶען? – דִי שִׁילְד אִיז נָאךְ נִיט דִי שֶׁענְק! דָאס הוֹיז, וואוּ דֶער רָב וָואהנְט, הֵייסְט: פָּאדַקָארְפְּיֶעם אוּנ אִיךְ=בֶּערל חַאנְטְשֶׁעס!

אִין טְשַׁאכְנָאווְקֶע קֶען מֶען מִיךְ: מֶען וֵוייסְט וֶוער בֶּערל חַאנְטְשֶׁעס אִיז; אָבֶער אִין אַמֶערִיקָא? וֶוען אֵיינֶער לְמָשָׁל נִיט אַזוֹי רַאפְּטִים אַ זָאג אַרוֹים אִין אַמֶערִיקָא, אִין בּיהמ״ד: „בֶּערל חַאנְטְשֶׁעס״... נוּ וָואלְט עֶמִיץ גֶעווּאוּסְט, אַז מֶען מֵיינְט עֶס מִיךְ?

שאני הכא! דא איז עפּיס אנדערש, דא גיט יעדער א שמייכעל, א שאקעל מיט'ן קאפּ, מאכט אזוי א תנועה.... „א בעקענטע זאך, בערל חאנטשעס!" איינער טראכט: דער בטלן, דער צווייטער: — דער משוגענער, דער דריטער — כ'ווייס וואס; דער פיערטער וועט זיך דערמאנען, אז איך הייס נאכ'ן פעטער בערל. — טויבעלע, אמת, גיט א קרעכץ דער־ביי, ווייל זי ווייסט, אז איך בין נעביך א יתום. אבער אין אמעריקא, וואו מען קען ניט חנת די זיטצערקע, און וואו מען ווייסט ניט, אז עס איז געווען אויף דער וועלט א בערל חקרן, דער מאמעס א ברודער, וואו מען ווייסט ניט, אז איך בין, וואס מען רופט מיך: א משוגע'נער, א בטלן, א יתום און אפשר גאר א חקרן. איך בין, דאכט זיך, געראטהען אין פעטער אריין. וואס פאר א רושם וואלט געמאכט: בערל חאנטשעס?!

עפּיס וויים איך דאך יא ווער איך בין? איך אליין זאג דאך: א משוגענער, א בטלן.... נו, דאס בין איך!

— בין איך דען ניט משוגע? וועלכער מענש שטעלט זיך אנידער קלערן, ווער ער איז? א מענש איז א מענש! איך בין א מענש און הייס: בערל חאנטשעס... וואלט איך געווען א הויז, וואלט איך אפשר געהייסען: פאדקארפּיעס, — אין ארעשטאנט — וואלט איך געהאט א לאטע אויף די פּלייצעס און א נומר... וואלט מיין טאטע, ניש ט די מאמע, געווען דער פערזארגער, דער „פרנסה־געבער", ניט דער בטלן, וואלט איך געהייסען: בערל שמער'לס. עס וואלט אפילו שווער געווען ארויסצוזאגען: „בערל שמערל'ס" נור

מֶען וָואלְט שׁוֹין גֶעטוּזְט! אוּנ אֶפְשָׁר וָואלְט אִיךְ דֶערִיבֶּער וֶועניגֶער גֶעוֶועזֶן בַּיי מֶענְשֶׁען אִין דִי מַיילֶער — וֶוען מַיין נָאמֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גְלַאטִיג אַרָאבקוֹיקְלֶען פוּן דֶער צוּנְג.

— אָבֶּער, וַוי אִיךְ וָואלְט גֶעהֵייסֶען — אַ מֶענְשׁ בִּין אִיךְ....

— אַ מֶענְשׁ! נוּר אַ בַּטְלָן דֶערצוּ.... מַאלֶע אַ מֶענְשׁ בְּלַייבְּט אַ יָתוֹם, נוּ, וָואהנְט עֶר אִין ביהמ"ד? קְרַאנְק בִּין אִיךְ עֶפִּיס צוּ טְהוּן? אִין שְׁלִיחוּת גֶעהן, הָאלְץ צוּ הַאקֶען, אַ מְשָׁרֵת צוּ וֶוערן אוּנ גֶעהן אָנְגֶעטְהוּן אַ בֶּגֶד, נִישְׁט קְרוּעָה בְּלוּיָה. עֶסֶען בְּרוֹיט, נִישְׁט צוּ זַיין בִּיז דְרַייסִיג יָאהר יְשִׁיבָה בָּחוּר, עֶס זָאל מִיר פֶעהְלֶן צְוַויי טֶאג אִין דֶער וָואךְ אוּנ אַרוּמדְרֶעהֶען זִיךְ אוּנ קְלֶערן: וֶוער אִיךְ בִּין?!

— אִיךְ וָואלְט חָאטְשׁ גֶעוואוּקְסט, וֶוער מַיין קַאפָּאטֶע אִיז; אַזוֹי, אָסוּר אוֹיבּ אִיךְ וֵויים! — אַ שְׁטִיק בֶּעגְדִיט, אַ שְׁטִיק חַיִּים, אַ שְׁטִיק יוֹנָה, דְרַיי פֶערְטִיל פוּן מִיסְט! אַ מַעֲרָכָה, טוֹיבֶּעלֶע קֶען גֵייֶען אַ נִיט וָואלְט אִיךְ גֶעוֶועזֶן אָדָם נַאקֶעט,

— אִיז דֶען דָאס אַלֵיין נִיט קֵיין שִׁגָעוֹן? אַזַא מִין בַּטְלָנוּת, אַזַא מִין בַּטְלָנוּת! נָאר נִישְׁט.... שְׁמֶערְ'ל, חַיִּים, יוֹנָה.... עֶס הָאט אַ שִׁעוּר וִויפִיעל בֵּית הַמִּדְרָשׁ'נִיקֶעס אִיךְ הָאבּ אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט!.... אֵיינֶער אִיז שׁוֹין אַ סוֹחֵר, אֵיינֶער — אַ טְרֶאגֶער, אֵיינֶער — אַ שֶׁענְקֶער: אַ דַאֲגָה, אֵיינֶער אִיז שׁוֹין אֵיין אַלְמָן אֲפִילוּ, שְׁמֶערְ'ל הָאט שׁוֹין דָאס דְרִיטֶע וַוייבּ; נוּר אַלֶע הָאבֶּען קִינְדֶער, גֶעשֶׁאפְטֶען, עֲסָקִים; נוּט, שְׁלֶעבְּט, נוּר פֶּערְנוּמֶענֶע מֶענְשֶׁען, עֶסֶען נִיט קֵיין טֶאג, זֶענֶען נִישְׁט קֵיין בַּטְלָנִים.... מֶענְשֶׁען! אוּנ אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ מֶענְשׁ!

—וָואס הייסט אַ מענטש ?

—ווי איך בּין אַ ייד, איך בּין קיין מענטש נישט!

— ווי איך בּין אַ ייד! איך בּין אַ ייד! אמת, איך בּין אַ ייד, נור גאַנץ טשאַכאָוויקע זענען אויך יידען און זענען נישט איך! הלמאי, איך בּין אַ מאַנספּערשוין, (חאָטש אַ קלאָג צו מיין מאַנספּערשוין. אַ ווערטיג צו אידם!) נו... אַלע מענטשען, וָואס זענען ניט קיין נקבות זענען מאַנס־פּערשוינען, בּכלל, זענען אַלע בּערל חאַנטשעס!

— ניין, בּרודער בּערל! נאַרר דיך נישט! דו בּיזט אַ מאַנספּערשוין, דו בּיזט אַ ייד, אמת; נור נישט דו בּיזט דער מאַנספּערשוין, נישט דו בּיזט דער ייד!... דו בּיזט עפּיס אַנדערש; דאָס איז נור אַ צולאָג, אַ צוגעגעבּענע זאַך; אָבּער נישט דו אַליין...

— איך רעד מיר איין, אַז איך בּין אַ בּטלן, אַ משוגע־נער, אַ יתום, אַ אומגליקליכער מאַנספּערשוין... נור בּטלנים, משוגעים, יתומים זענען דאָ אַ סך, אפשר אַ זוינע מאַנס־פּערשוינען ווי איך בּין—ווענינער; נור דאָ איז, אַ דאגה, אפשר אין איין אַנדערע שטאָדט, אפשר אין אַמעריקאַ, נו, זענען אַלע איינס? חס ושלום, יעדערער פאַר זיך!..

— נו, ווער זשע בּין איך, צו אַל־די שוואַרצע יאָהר!

— עס האָט געמוזט אין מיר אַריין אַ דבּוק, עס מוז עמיץ זיטצען אין מיר און קלערן איבּער מיר, און מיר דאַכט זיך: איך אַליין קלער! אַ ותא ראיה, ווען איך אַליין האָבּ כח (אַ גאַנצע וואָך, אויסער מאָנטאָג און דינסטאָג) האָט יענער אויף מיר קיין שליטה ניט, און איך קלער

ווֶעניגֶער! און בֶּאֱמֶת, די חֲקִירָה אִיז, אַז קֵיין שׁוּם מֶענְשׁ אִין דֶער וֶועלְט קָאן נִישְׁט קְלֶערן זִיךְ אַלֵיין! — וִוי הֵייסְט, אִיךְ ווִיל מִיךְ מַשִׁיג זַיין? אִיךְ ווִיל מִיךְ אַרויסְרַייסֶען פוּן מִיר אַרוֹיס, אַוֶועקְשְׁטֶעלֶן „אִיהם" אִין אַזַייט, „עֶר" זָאל קוּקֶען אוֹיף מִיר! „אִיךְ", „עֶר" זָאל קוּקֶען אוֹיף „עֶר" „אִיךְ"!...

— חַא, חַא, חַא! וִוי הֵייסְט! זָאל אִיךְ מִיר נוּר בְּעֶ־רֶעכֶענֶען!.. עֶפִּים וֶוערְט מִיר וַוארֶעם אִין מוֹחַ!..

(עֶר אִיז צוּגֶעלָאפֶען צוּם כִּיוֹר, אָכְגֶענָאסֶען זִיךְ מִיט קַאלְט וַואסֶער, פוּן אוּנְטֶערן אוֹיבֶען אַרויסְגֶעשְׁלֶעפְּט אַ שְׁמַאטֶע, און שְׁטַייף זִיךְ אַרוּמְגֶעבוּנְדֶען דֶעם שְׁטֶערן).

אַצוּנְד וֶועט עֶס גֶעהְן. נָאךְ אַמָאל!.. אִיךְ ווִיל ווִיסֶען וֶוער אִיךְ אַלֵיין בִּין...

— ווִי זָאל אִיךְ קוּקֶען, אַרָאבּ צוּ אַרוֹיף? רֶעכְטְס — צוּ לִינְקְס?... אִיךְ בִּין דָאךְ אִין מִיר. וֶוען אִיךְ, לְמָשָׁל, קְרִיךְ אַרויף אוֹיפ'ן אָרוֹן קוֹדֶשׁ בִּין אִיךְ אִין גַאנְצֶען אוֹיבֶען, אִיךְ וֶועל אוּנְטֶען גָאר נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזֶען, לָאז מִיךְ לוֹיפֶען אִין קֶעהלֶער אַרַיין, וֶועל אִיךְ זַיין אִין גַאנְצֶען אוּנְטֶען... ווִי זְשֶׁע קָאן אִיךְ קוּקֶען אוֹיף מִיר!?

הֵיכָא דָמִי?!

— וֶוער זְשֶׁע זִיטְצְט אִין מִיר וֶוער קְלֶערְט פַאר מִיר?

— און עֶפִּים זִיצְט דָאךְ פָּארְט.... הַא?....

— אִיךְ ווֵיים דָאךְ, אַז וֶוען עֶס זֶענֶען גֶעלֶעגֶען בַּיי דֶער שַׁמָשׂ'טֶע אוּמְגֶעצֶאהלְטֶע קִיכְלֶעךְ און אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דְרַיי טָאג קֵיין מַאֲכָל נִיט גֶעהַאט אִין מוֹיל, הָאבּ אִיךְ גַאנְץ שְׁטַארְק חֵשֶׁק גֶעהַאט אַרָאבְּצוּשְׁנִיפֶּען אַ קִיכֶעל... נוּר

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט: נֵיין! מֶען טָאהר נִיט! נִישְׁט מַיין... דֶער־
נָאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעפוּנֶען טוֹיזֶענְד תֵּירוּצִים... „דִי שַׁמֶשְׁטֶע
הָאט גֶענוּג פֶערְדִינְט אָן מִיר, זִי מָאג מִיר גֶעבֶּען אַצִילָאג".
„אִיךְ זָאל זִי בֶּעטֶען וָואלְט זִי מִיר אַלֵיין גֶעגֶעבֶּען" „אִיךְ
וֶועל אִיהר מִיט גָאטְס הִילְף אַמָאל בֶּעצָאהלֶען..." נוּר אִיךְ
הָאבּ אַלְץ גֶעזָאגְט: „נֵיין, מֶען טָאר נִישְׁט"... אוּנ עֶס אִיז
גֶעבְּלִיבֶּען נִישְׁט!... פְרִיהֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אֵיינְס נָאךְ'ן אַנְדֶערְן,
מִיר הָאט זִיךְ גֶעדַאכְט, אַז אִיךְ אַלֵיין פְּרֶעג אוּנ אִיךְ אַלֵיין
אֶנְטְוָועֶר, נוּר דֶערְנָאךְ, שְׁפֶּעטֶער אַ בִּיסֶל, חָאטְשׁ תּוֹךְ כְּדֵי
דִבּוּר, נוּר דֶערְנָאךְ אִיז עֶפִּיס אַנְדֶערְשׁ גֶעוָוארְן, עֶס אִיז
גֶעוֶועזְן צְוַואמֶען, יָא אוּנ נֵיין, נֵיין אוּנ יָא אוּנ וַוייטֶער
נֵיין! עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ מַחֲלוֹקֶת, אוּנ נִישְׁט אִיז גֶעוָוארְן,—
נִיט וַוייל אִיךְ הָאבּ נִיט גֶעוָואלְט, אָדֶער דֶעם חֵשֶׁק פֶער־
לָארֶען; נֵיין, נוּר דִי הַאנְד הָאט זִיךְ נִיט גֶעקֶאנְט רִיהרֶען:
זִי הָאט נִיט גֶעוואוּסְט וֶועמֶען צוּ פָאלְגֶען... אַ־וְהָא רַאֲיָה,
אִיךְ בִּין דֶער נָאכְדֶעם עֶפִּיס שְׁטַארְק מִיעד גֶעוָוארֶען, וְוִי
נָאךְ אַ גְרוֹיס מַחֲלוֹקֶת, וְוִי נָאךְ אַ גְרוֹיסֶען וִכּוּחַ מִיט יוֹנָת
לָאקְשׁ, וָואס וִויל מִיר אַלְס אַיינְרֶעדֶען, אַז דֶער גָאוֹן זִיטְצְט
אִין גַן עֵדֶן מִיט אַ פֶערָאצְטֶע בָּארְד, וַוייל עֶר הָאט נִיט
גֶעהַאלְטֶען פוּן חֲסִידוּת!

— אַזַא פֶערְד!... נוּר מִיעד בִּין אִיךְ גֶעוֶועזְן; אִיךְ
דֶערְמַאן מִיךְ גַאנְץ זִיכֶער, זִיכֶער! דָאס אֵייגֶענֶע אִיז גֶעוֶועזְן
פּוּרִים, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאגֶען פוּן פֶּרֶץ פַיינְהָאלְץ, פוּן
גְבִיר, דֶעם רַב מִשְׁלֹחַ מָנוֹת. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ פָאל מוֹיל
מִיט וַואסֶער, דִי צוּנְג אִיז מִיר אַרוּמְגֶעלָאפֶען אִין מוֹיל

מְשׁוּגָע, ווִי אִיךְ לוֹיף צִינְד אַרוּם אִין בּיהמ״ד. דִי הָאנְד הָאט מִיר גֶעצִיטֶערְט; אַ שְׁטִיק טָארְט, מַאקָארָאנֶעס, עֶפִּים נָאךְ עֶטְלִיכֶע מִינִים..... אִיךְ נַאשֶׁער הָאבּ גֶעוָואלְט, אִיךְ עֶהרְלִיכֶער מַאן הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט!..

— מֶען זָאגְט: „יֵצֶר הָרָע“, „יֵצֶר טוֹב“, לָאז זַיין אַזוֹי, אָבֶּער סַיי ווִי סַיי, בִּין אִיךְ נוּר אַ דִירָה וואוּ עֶס ווָארְנֶען צְווֵיי קָאמֶערְנִיקֶעס, אֵיינֶער הֵייסְט: יֵצֶר טוֹב, אוּנ דֶער צְווֵייטֶער — יֵצֶר הָרָע. נִיט אַזוֹי? ווַייטֶער דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִי נָאמֶען.... אָבֶּער ווֶער זֶענֶען זֵיי? ווֶער בִּין אִיךְ??!

— אִיךְ בִּין אַ דִירָה, אִיךְ בִּין דֶער גוּטֶער קָאמֶערְנִיק, אִיךְ בִּין דֶער שְׁלֶעכְטֶער קָאמֶערְנִיק. אַלְץ אִיךְ, אוּנ דֶערצוּ ווִיל אִיךְ ווִיסֶען ווֶער אִיךְ בִּין?! חַא, חַא, חַא!—שַׁא! נֶעכְטֶען עֶרְשְׁט, דֶער עוֹלָם הָאט גֶעלַאכְט, ווָאס אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהֶן אוֹיף אֵיין אָרְט, אֶפְשָׁר אַ שָׁעָה! אִיךְ ווֵייס ווָאס אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען! אִיךְ הָאבּ נִיט גֶעקָאנְט גֶעהֶן: מֶען הָאט גֶעהַאקְט הָאלְץ אוֹיפ׳ן שׁוּלְהוֹיף, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט גֶעהֶן פְּרוּבֶּען צוּ קָאן אַ פַּאלֶיעֶנֶע צוּ הַאקֶען, צוּ קָאן אִיךְ אַרְבֵּייטֶען.... אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּגֶעהֶן; עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען צְווֵיי בֶּענְק: אִין דֶער זַייט אַ בַּאנְק, אִין יֶענֶער זַייט אַ בַּאנְק. דָא דֶערְצֶעהלְט מֶען, אַז מֶען הֵייצְט אִין בָּאד, הֵייבְּט מִיךְ אָן בַּייסֶען דָאס גַאנְצֶע לַייבּ אוּנ אִיךְ ווִיל צוּגֶעהֶן צוּ מַיין קֶעסְטֶעל, אַרוֹיסְשְׁלֶעפֶּען מַיין בֶּעזְמ׳ל אוּנ גֶעהֶן אִין בָּאד אַריין ... גֶענֶעכְטִיבֶּער הָאט זֶרַח מְלַמֵד דֶערְצֶעהלְט, יַעֲנְקֶעל קָאטְצֶלֶען, אַז אִין „בַּעַל עֲקֵדָה“ אִיז דָא אוֹיף דֶער הַיינְטִיגֶער סֵדֶרָא אַ פְּלֵאִי דִּפְלָאִים

דרוש און איך וויל טאקי שוין וויסען, וואס זרח מלמד איז געפאלען און צולויפען צו זער מזרח וואנד און אראפחאפען דאס ספר... בין איך טאקי געשטאנען! די פיעס האבען ניט געוואוסט וועמען צו פאלגען: צו דעם בערל חאנטשעס, וואס וויל געהן האלץ האקען, צו דעם בערל חנטשעס, וואס וויל געהן אין באד אריין, ווייל עס בייסט איהם, צו דעם בערל חאנטשעס וואס וויל וויסען, וואס זרח מלמד איז געפאלען!... בין איך טאקי אזוי לאנג געשטאנען, ביז איך האב מיך דערמאנט, אז איך האב נאך קיין מנחה נישט געדאוונט!

— נו. על כן? וואהנען אין מיר שוין פיער פערשוין! א האלץ האקער, א בעל־עקדה'ניק, א באדער און דער לעצטער א מנחה דאוונער, וועלכער האט אלע ארונטערגעיאגט אונטערן אויבען, זיי זאלען קיין פיפיש ניט געבען, נור ער האט צו שאפען, און די פיעס מיינע האבען איהם געפאלגט צוגעגאנגען צו דער וואנד און געדאוונט!

— א שטיקעל אמת שטעקט דארינען... ווארום זיי האבען זיך נאר בעהאלטען אונטערן אויבען ערגעץ, אבער זיי האבען פון דארטען ארויסגעקוקט... זיי האבען געווינקען צו מיר... און האבען מיך מבטל געוועזען: אין מיטן שמונה עשרה האב איך אלץ אין זינען געהאט: האלץ האקען, שמייסען זיך אויף דער העכסטער באנק אין באד, און להבדיל בין אלף אלפי הבדלות, זענען מיר געלעגען אין קאפף דעם בעל עקדה'ס דרשות אויך!...

– נו, א כלל? וואס העלפט דער יצר טוב מיטן יצר הרע, אז איך בין אמאל דריי, און אמאל פיער!

– ניין, ניין! איך פיהל, אז „איך" אליין בין עפיס א גאר נישט! איך אליין וואלט גאר ניט געלעבט. איך אליין, ווען איך לעב אפילו, וואלט איך מיך אין דער פריה אפילו פון דער באנק ניט אויפגעהויבען, איך וואלט געלעגען ווי א גולם עד סוף כל הדורות... איך בין טאקי א גולם, איך האב קיין נשמה נישט; נור אלץ ארום לעבט, אלץ ארום האט א נשמה, און די נשמות לאזען עפיס ארוים אזוינע לאנגע, דינע, שפיצינע פאדעמליך, שטראהלען, וואס חאפען זיך און טשעפען זיך אין מיר; וואס קריכען אין מיר אריין, וואס רירהען מיך, שטעלען מיך אויף די פיס, הייסען מיך געהן, טהון, לויפען... איך אליין בין גאר ניט!

ווער דען זשע קלערט? הא? ווער זיצט אין מיר און קלערט? ווייטער א פרעמדער? נישט איך?

– נו, זאל זיין א פרעמדער! ווער זשע איז ער? ווי קומט ער צו מיר? צו בין איך א שטייג און ער – דאס פויגעלע?... דוד המלך, עליו השלום, זאגט: יונתי מיין טייבעלע! – וויל דאס טייבעלע האלץ האקען, אין באד אריינגעהן, אראבגנב'ענען פונ'ם משלוח מנות, אוועקשניפען א קיכעל ביי דער שמשטע, און תוך כדי דבור זעהן דעם בעל עקדה'ס דרשה?... פו טייבעלע, נישט שאן! ביזט דו עם, מאגסטו זיך שאמען!

– חא! חא! חא! בערל חאנטשעס איז א טייבעלע, א פויגעלע! בערל חאנטשעס האט א קליין פיסקעלע מיט

פֿליגעלעך, בערל חנה־טשעס וועט אַמאָל אַרויספֿליהען פֿון דער שטויג...

— נו בערל חנה׳טשעס, דעמאָלט וועסטו אויך קלערן ווער דו ביזט? אויך זיין אַ יתום, אויך זיין אַ בטלן, אויך זיין משוגע?

— אַוודאי! ווער דען? די שטייג איז משוגע? די שטייג איז אַ יתום?

— רבונו של עולם! ווער בין איך פֿאָרט?

## 2.

אין בית־המדרש איז אַריינגעקומען וואָלף סוחר. בערל חנה׳טשעס האָט איהם דערזעהן, און איז ענטלאָפֿען אין אַ זייט אַריין. וואָלף סוחר האָט זיך געוואַשען די האַנד, אָבגעווישט אין דער פּאָלע. אַרויסגענומען פֿון דער שאַנק אַ ספֿר און געזעצט זיך אַריינקוקען. בערל חנה־טשעס לאָזט פֿון איהם קיין אויג נישט אַראָב...

— ווער איז ער? (פֿרעגט ער זיך און ענטווערט זיך באַלד:)

— וואָלף סוחר! (ער גיט זיך באַלד אַליין אַ שטאַרקען קניפּ אין באַק אַריין...)

— בהמה! חמור! וואָלף סוחר איז אַזוי חי בערל חנה׳טשעס! אַזוי הייסט ער; נור ווער איז ער?... צו איז ער איינער, צו צוויי, צו דריי? וויפֿיעל פֿייגעלעך פּישטשען

אין זיין שטייג ? פערשטעהסטו וואיטעק!

(ער האט זיך נאך שטייפער צוגעצויגען דעם קאפּ).

— לאמיך קלער'ן ...

— אצונד איז ער איינער, איין וואלף סוחר ... ער זיצט און לערנט! פערטיפט, ער זעהט מיך נישט. ער לערנט אוודאי נדרים, זיין פּרק, מעהר קען ער נישט...אצינד איז א קונח קונם קונם .. אצינד איז ער א „לשון שבדו חכמים״. אצינד ווייס איך וואס ער איז, א פּרק נדרים ... דערנאך ? דערנאך וועט וואלף סוחר אראבגעהן אין גאס אריין, וועגען תבואה אויף דער פּאלישער וואג, אבנארן גאנץ קרוין פּוילען און אהיים געהן געבען דעם ווייב, דער ארעמער, דער שלאגענער, בידנע טויבע, צוועלף פּעטש מיט פּיערדזאך! זעהסט דאס לעמעלע! בערל חנה'טשעס, זעהסט דאס שאפּעלע, זעהסט ווי עס קנייטשט אין דעם שטערן, זעהסט די פרומע אויגעלעך, זעהסט, זעהסט! און דו שוטה, דו בער'ל חנה'טשעס, דו חמור ווילסט מיר איינרעדען, אז דאס איז דער איינענער גנב פון גאס, דער איינענער רוצח פון דערהיים ? ניין, בערל חנה'טשעס! מיר וועסטו דאס ניט איינרעדען! ניין, ניין! — ניט אזוי קוקט א גנב, ניט אזוי זעהט אויס א רוצח!... שוטה! ..

— איך זאג דיר, בערל חנה'טשעס, אז עס זענען דא דריי וואלף סוחר'ס ... איינער איז א לעמעלע, א פרום לעמע'לע, וואס זיטצט און לערנט נדרים און וועט אויף יענער וועלט אויך לערנען נדרים, און טאקי מיט'ן רבונו של עולם'ס פּירוש ... דער צווייטער—איז א גנב און וועט דארטען אויך

חַאפֶּען פוּן דִי טֶעלֶער ; דֶער דְרִיטֶער אִיז אַ רוֹצֵחַ, וָואס בַּרְגֶ'עט דָאס וַוייבּ מַכּוֹת רֶצַח...

— אַ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִיהר !... עֶס שְׁנַיידְט מִיךְ בַּיי'ם הַארְץ, זִי חָלוֹם'ט זִיךְ מִיר... זִי בֶּעט מִיךְ אַ מָאל, בַּיי נַאכְט אִין שְׁלָאף, אִיךְ זָאל אִיהר עֶפִּיס הֶעלְפֶען... דָאס הֵייסְט : זִי בֶּעט נִיט מִיט'ן מוֹיל, זִי רֶעדְט נִישְׁט, חו"ש, אַ יוּדִישֶׁע טָאכְטֶער רֶעדְט נִישְׁט מִיט אַ מַאנְסְפֶּערְשׁוֹין... נוּר זִי קוּקְט אוֹיף מִיר מִיט אַזַא... מִיט עֶפִּיס אַזַא... מִיט עֶפִּיס אַזַא מִין קוּק...

— רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם ! קוּקֶען מָאג זִי ! זִי מֶאג קוּקֶען אוֹיף אַ מַאנְסְפֶּערְשׁוֹין !...

— חַא, חַא, חַא ! אִיךְ אַ מַאנְסְפֶּערְשׁוֹין !.... וָואלְף סוֹחֵר אִיז אַ מַאנְסְפֶּערְשׁוֹין, פוֹילֶען זָאל עֶר, וָואלְף סוֹחֵר ! אִיךְ בִּין אִיהם אַ שׂוֹנֵא אוֹיפ'ן לֶעבֶּען. אִיךְ הָאבּ בַּיי אִיהם אַ טָאג ; נוּר אַ שׂוֹנֵא בִּין אִיךְ ! שִׂנְאַת חִנָם טַאקִי, נוּר אַ שׂוֹנֵא. אִיךְ וָואלְט אִיהם גֶעשְׁטָאכֶען ! יוֹא !.... נוּר נִישְׁט דֶעם וָואלְף סוֹחֵר, וָואס זִיצְט אוּנז לֶערְנְט, אֲפִילוּ דֶעם גַנָב נִישְׁט, נוּר דֶעם רוֹצֵחַ ! אִיהם וָואלְט אִיךְ גֶעשְׁטָאכֶען... אִיךְ אַלֵיין קָאן נִישְׁט, אִיךְ אַלֵיין הָאבּ נִישְׁט צוּ שַׁאפֶען, אִיךְ בִּין נוּר אַ שְׁטַיינֶעל... אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ אַ קְנִיפִּיק, אַ שַׁארְפֶען קְנִיפִּיק, נָאר אַ שַׁארְפֶען, מֶען קָאן מִיט אִיהם נָאנֶעל שְׁנַיידֶען אַ קָאפ גָאלֶען....

— אִיךְ מַאךְ מִיר אֲפִילוּ קֵיין לַאמְטָערן נִישְׁט, וַוייל עֶס אִיז מִיר אַ שָׁאד דֶער קְנִיפִּיק, עֶר זָאל נִיט שְׁטוּמְפִּיק וֶוערֶן...

נור איך אַליין קאָן נישט... מען דאַרף עס זאָל מיך עמיץ הייסען, עפּיס אַ בת קול, עפּיס איינער. אפילו זרח מלמד, חאָטש ער אַליין זאָל מיך הייסען, ווער שמועסט ווען זי זאָגט מיר, אַזוי, ביי נאַכט, אין חלום; נור זי וועט ניט זאָגען, אַ יודישע טאָכטער וועט ניט זאָגען. חס ושלום! איך וואָלט זי פיינט געהאַט זי זאָל מיט מיר רעדען.

— אַזוי איז בעסער, קוקען זאָל זי, און שטאַנדיג. אַ גאַנצע נאַכט, ביי טאָג דאַרף מען נישט, ביי טאָג קאָן נאָך עמיץ דערזעהן, חס ושלום, עס איז אַזוי אויך גענוג יעדע נאַכט....

— אָ! ווי שאָן וואָלט עס געוועזן! איך וואָלט אַרויס־גענומען דעם קניפּיק, איבערגעגאַנגען איבער חאַליאַווע, איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל, פיער מאָל, און בוך!...

— חאַ, חאַ, חאַ! עס וואָלטען אַרויסגעלאָפען קישקע און קישקעלעך. חאַ, חאַ, חאַ! און בלוט, רויט בלוט... חאַ, חאַ, חאַ!

— ניין, וואָלף סוחר, נדרים לערנער, נישט דיך מיין איך! יענעם, יענעם, דעם רוצח... איך מיין נישט דיך!

— הערסט בערל חנה'טשעס, ווען דו ביזט אַ מענש, ווען דו ביזט ניט קיין יתום, קיין בטלן, קיין משוגענער, קיין חקרן, וואָלט שוין אַלץ גוט געוועזן... טויבעלע וואָלט אפילו געוויינט, זי וואָלט געוועזן איין אַלמנה, נור איך וואָלט איהר אין חלום געזאָגט: טויבעלע, גענוג דו האָסט צוויי מאַנען, איינער גנב'ט, דער צווייטער זיטצט און לערנט וואָס טויג דיר דער דריטער, ווילסטו דווקא דריי?

דַוְקָא מֶען זָאל דִיךְ, טוֹיבֶּעלֶע, שְׁלָאגֶען, דַוְקָא דוּ זָאלְסְט וויינֶען גַאנְצֶע טָאג אוּנ גַאנְצֶע נַאכְט....

— אוּנ אֶפְשֶׁר אִיז עֶר פָאַרְט אֵיינֶער? ....

— בֶּערל חַנָה'טְשֶׁעס! דְרַייִ זֶענֶען זַיי לָאמִיר זִיךְ וועטֶען! קוּם אַמְשְׁנֶע, ווייל עֶר זִיצְט דָא אוּנ לֶערְנְט, קוּם אִין גַאס אַרַיין וועסְטוּ זֶעהְן, ווִי יֶענֶער גַנְבֶעט דֶערְווייל אִין גַאס... דֶערְנָאךְ ווִי עֶר שְׁלָאגְט, קוּם!..

(עֶר הָאט זִיךְ רַאפְּטֶעם אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען, צוּגֶעלָאפֶען אוֹיף דִי גָאנֶעל צוּ דֶער טְהִיר, אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט דֶעם שְׁלִיסֶעל, אַרוֹיס אוּנ פֶערְמַאכְט דִי טְהִיר פוּן יֶענֶער זַייט)...

### 3.

(עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען, בְּלַאס אוּנ אִין כַּעַס)...

— זַיי הָאבֶען זִיךְ בֶּעהַאלְטֶען דִי גַנָבִים! וָואס הָאבֶען זַיי צוּ טְהוּן, עֶס אִיז הַיינְט נִישְׁט קֵיין טַארְג, עֶפִּים אַ יוֹם טוֹב, עֶס הֶענְגֶען פָאהנֶער, מֶען קָאן נִיט גַנבֶ'ענֶען... טוֹיבֶּעלֶע אִיז נִישְׁט אִין דֶערְהֵיים... זִי הָאט גֶעמוּזְט גֶעהְן צוּ אַ שְׁכֵנָה. דִי טְהִיר אִיז צוּ... זַיי הָאבֶען זִיךְ בֵּיידֶע בֶּעהַאלְטֶען! אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעקוּקְט דוּרְכ'ן פֶענְסְטֶער, עֶפִּים אוּנְטֶערְן בֶּעט, הָאט זִיךְ מִיר גֶעדַאכְט, רִיהְרְט זִיךְ עֶפִּים. אוֹיף דֶער פָּאדְלָאגֶע הָאט זִיךְ דֶער שָׁאטֶען גֶעהוֹידֶערְט, גֶעווָארְפֶען, גֶעצַאפְּעלְט! אַ קַשְׁיָא אוֹיף אַ מַעֲשֶׂה, עֶר זִיצְט

דָא אוּנ לֶערְנְט אוּנ זֵיי לִיגֶען אוּנְטֶער דִי בֶּעטֶען .... וואוּ דֵען זָאלֶען זֵיי לִיגֶען! —

— אוּנ וָואלְף סוֹחֵר, דֶער תַּם, דֶער נְדָרִים לֶערְנֶער הָאט אֲפִילוּ נִיט גֶעהֶערְט, אַז אִיךְ הָאבּ אוֹיף־אוּנ צוּ־גֶעשְׁלָאסֶען דִי טְהִיר! עֶר אִיז אַזוֹי פֶערְטִיפְט אִין לֶערְנֶען!

— אוּנ אֶפְשֶׁר לֶערְנְט עֶר גָאר נִישְׁט? אֶפְשֶׁר זִיצְט דָא דֶער גַנָב אוּנ וִויל אָבְּנַארְן מִיךְ מִיט דֶעם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם?

— וָואלְף! (רוּפְט עֶר אִיהם רַאפְּטָאם)

— וָואס אִיז?

— גָאר נִישְׁט!

— בַּטְלָן! —

(אִין אַ מִינוּט שְׁפֶּעטֶער)

— וָואלְף!

— וָואס אִיז?

— אִיךְ הָאבּ אַ קְנֵיפִּיקֶל!

— וָואהל דִיר!

— ווִילְסְט זֶעהן?

— נֵיין!

— דַארְף מֶען נִישְׁט!

(אִין אַ פָּאר מִינוּט אַרוּם:)

— וָואלְף!

— וָואס?

— דוּ לֶערְנְסְט, צוּ דוּ מַאכְסְט נוּר אַזוֹי?

— וָואס גֶעהְט עֶס דִיךְ אָן?

— אִיךְ דַארְף נוֹיטְהִיג צוּ וִויסֶען חְלֶעבֶּען, נוֹיטְהִיג!...

— שְׁטִיל, מְשׁוּגָע!

(אִין נָאךְ אַ פָּאר מִינוּט:)

— וָואלְף!

— וָואס אִיז?

— ווִיפִיעל בִּיזְטוּ?

(וָואלְף סוֹחֵר אִיז בָּאז גֶעוָוארן, צוּגֶעמַאכְט דִי גְמָרָא אוּן אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן בֵּיהמ״ד. בֶּערל חַנָה׳טְשֶׁעס אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אַלֵיין).

— צוּ הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט מִיט וָואלְפְן? (עֶס דַאכְט זִיךְ אִיהם, אַז עֶמִיץ אַנְדֶערְשׁ הָאט גֶערֶעדְט.)

— וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט אִיהם אַזוֹינְס גֶערֶעדְט? וָואס אִיז עֶר עֶנְטְלָאפֶען? ווִי בִּין אִיךְ אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען? הַא? וָואס טְהוּט בַּיי מִיר אִין הַאנְד דָאס קְנִיפִּיקְ׳ל?

(עֶר הָאט זִיךְ שְׁטַארְק פֶערְוואוּנְדֶערְט, אוּן נָאךְ מֶעהר, וֶוען עֶר הָאט דֶערְזֶעהן, אַז עֶר הָאט זִיךְ דוּרְכְגֶעשְׁנִיטֶען דִי חָאלֶעוֶוע. רַאפְּטִים וֶוערְט עֶר בָּאז:)

— נוּ בֶּערל בַּטְלָן! דוּ אַלֵיין הָאסְט צוּשְׁנִיטֶען דַיין חָאלֶעוֶוע? דוּ הָאסְט אַנְדֶערֶע חָאלֶעוֶועס? טוֹיבֶּעלֶע וֶועט דִיר נ̇ וּ י י טֶ ע ר שֶׁענְקֶען אַ פָּאר שְׁטִיוֶועל? זִי הָאט וֶוענִיג גֶעלֵייזְט פַאר יֶענֶע שְׁטִיוֶועל! זֶעהסְטוּ בַּטְלָן, זֶעהסְטוּ, מְשׁוּגָע, זֶעהסְט, עֶס אִיז עֶמִיץ אִין דִיר אוּן נִישְׁט דוּ! זֶעהסְט?

— לָאמִיךְ נוּר אַלֵיין זֶעהן ווִי דוּ זֶעהסְט אוֹיס, דוּ חֲמוֹר, וָואס דוּ לָאזְט מִיר דִי שְׁטִיוֶועל צוּ צוּשְׁנַיידֶען! לָאמִיךְ דִיךְ אָנְקוּקֶען, דוּ בַּטְלָן!

עָר אִיז צוּגֶעלָאפֶען צוּם כִּיוֹר אַרָאפְּגֶעחַאפְּט דִי שְׁמַאטֶע פוּנ'ם קָאפּ אוּנ אָנְגֶעהוֹיבֶּען רַייבֶּען אוּנ פּוּטְצֶען דָאס מֶעש.)

— אִיךְ זֶעה דִיךְ שׁוֹין אַ בִּיסֶעל, בַּטְלָן, — וַוארְט, וַוארְט, אִיךְ וֶועל דִיךְ נָאךְ בֶּעסֶער זֶעהְן. אִיךְ וֶועל דַיין גַאנְץ טְרֵיפָה פַּרְצוּף זֶעהְן, דַיין חֲמוֹר קָאפּ!....

(עֶר הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אוֹיף דֶער קְנִיע אוּנ גֶע־רִיבֶּען מִיט'ן גַאנְצֶען כֹּחַ, בַּאפְּטִים אִיז עֶר גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהְן.)

— וֶוער פּוּטְצְט דֵעם כִּיוֹר? וֶוער? אִיךְ? אִיךְ הָאבּ כֹּחַ? אִיךְ הָאבּ דֶען הַיינְט גֶעגֶעסֶן, נֶעכְטֶען גֶעגֶעסֶן? וָואס אִיז הַיינְט? דִינְסְטָאג! מָאנְטָאג אוּנ דִינְסְטָאג הָאבּ אִיךְ דָאךְ נִישְׁט קֵיין טָאג, וֶוער זְשֶׁע רַייבְּט?!

(עֶר הָאט זִיךְ צוּרִיק צוּגֶעחַאפְּט צוּ דֶער אַרְבֵּייט.)

— זָאל רַייבֶּען וֶוער עֶס ווִיל, אִיךְ, צוּ דֶער פוֹיגֶעל, צוּ דִי טוֹיבּ. יֵצֶר הָרָע, צוּ דֶער יֵצֶר טוֹב, נוּר דַיין בַּטְלָנִישׁ טְרֵיפָה פַּרְצוּף מוּז אִיךְ זֶעהְן! בַּאלְד, בַּאלְד! נוּר אוֹיף אַ מָאל!

(עֶר הָאט פֶערְמַאכְט דִי אוֹיגֶען אוּנ גֶערִיבֶּען מִיט'ן גַאנְצֶען כֹּחַ. אַז עֶר הָאט גֶעאֶפֶענְט דִי אוֹיגֶען הָאט עֶר זִיךְ דֶערְזֶעהְן.)

— חַא, חַא, חַא! אַזוֹי זֶעה אִיךְ אוֹיס, אַ מֵת, אַ טְשִׁיסְטֶע מֵת! צוּ צוּגֶעהֶמֶען אוֹיף דֶער טַהֲרָה בְּרֶעט, צוּ לֶעגֶען שֶׁארְבֶּעלֶעךְ אוֹיף דִי אוֹיגֶען!

— זעהסט טויבעלע, ווי איך זעה אויס! זעהסט! און אזוי זעה איך אויס, וואס דו דערלאנגסט מיר אלע מאל א שטיקעל ברויט... א נישט, ווי וואלט איך אויס־געזעהן? —

(ער האט זיך פערטראכט, און צוריק דערמאנט.)

— א ר״! דאס בין איך, יא, יא! דאס איז בערל בטלן, בערל יתום, בערל משוגע! אט דאס! דאס! נור ווער בין איך?

(ער קוקט זויפ'ן כיור און קוקט אויף זיך. אין כיור זעהט ער זיך אין גארטעל, אזוי פונ'ם גארטעל אן געפאלט ער זיך בעסער אין כיור.)

— דארטען זעהט מען נישט די צוריסענע חאלעוועס!

— א מכה דיר! (שרייט ער פליצלונג אויס) א מכה דיר, דו כיור מענש! דו דארפסט אויך האבען צוריסענע חאלעוועס! אז איך האב דארפסטו אויך האבען!

(ער האט זיך אראבגעלאזען מעהר אויף דער פאד־לאגע, אנגעשפארט דעם קאפ אויף דער ערד און ארייג־געשטופט די פיס אין כיור אריין.)

— איך זעה נישט, נור דו האסט, דו האסט צוריסענע חאלעוועס! זעהסט!... (אויפצוהייבען איז איהם זעהר שווער געוועזן. עס האט זיך איהם געדאכט, אז דער מענש אינ'ם כיור האלט איהם צו ביי די פיס; נור ער האט זיי אפ־געריסען, אויפגעהויבען זיך, אביסעל פערוואונדערט, אביסעל דערשראקען.)

— כּיור מֶענְשׁ! בַּטְלָן! (הָאט עֶר זִיךְ גֶערֵייצְט אוּנ פָּארְט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ קוּקֶען אִין כִּיור אַרֵיין. עֶר אִיז צוּגֶעלָאפֶען צוּם אוֹיבֶען אָנְגֶעגוּמֶען אוֹיף דִי לַאדָאנְעֶשׂ קָאלֶעךְ אוּנ צוּרִיק פֶערְשְׁמִירְט דֶעם כִּיוֹר.)

— לִיג דָארְט אִין דֶער קְרֶענְק, קוּק נִישְׁט אַרוֹים!

(דֶער קָאפּ הָאט אִיהם אָנְגֶעהוֹיבֶען שְׁטַארְק וֶועה טְהוּן אוּנ דִי פִּיס הָאבֶען אִיהם גֶעבְּרָאכֶען, עֶר הָאט זִיךְ וַוייטֶער פֶערְטַראכְט.)

— לָאז מִיךְ נוּר עֶפִּיס דֶערְמַאנֶען...

— אַצִינְד טְהוּט מִיר וֶועה דֶער קָאפּ.... אַז דֶער רוֹצֵחַ שְׁלָאגְט טוֹיבֶּעלֶען טְהוּט מִיר וֶועה דָאס הַארְץ... עֶס בְּרֶעכֶען מִיר דִי פִּיס, אַז אִיךְ גִיבּ מִיר אַ קְנִיפּ אִין בַּאק, פְּלַאמְט מִיר דִי בַּאק; וַוייל אִיךְ הָאבּ אַ בַּאק, אִיךְ הָאבּ הֶאנְד אוּנ פִּיס, אִיךְ הָאבּ אַ קָאפּ מִיט אַ הַארְץ אוּנ הָאבּ אֶפְשֶׁר אַ נְשָׁמָה אוֹיךְ — אַלְץ הָאבּ אִיךְ, נוּר וָואס בִּין אִיךְ אַלֵיין? נִישְׁט דִי בַּאק, דִי פִּיס, נִישְׁט דָאס הַארְץ, נִישְׁט דֶער קָאפּ, נִישְׁט דִי נְשָׁמָה, וָואס דֶען? גָאר נִישְׁט....

— אִיךְ זָאל מִיךְ קֶענֶען מְאַבֵּד עַצְמוֹ לָדַעַת זַיין, אוּנ אַלֵיין זֶעהן וָואס עֶס וֶועט זַיין, וָואס עֶס וֶועט בְּלַייבֶּען, אַז עֶס וֶועט אַוֶועקְפַאלֶען דֶער קָאפּ, דִי הֶאנְד דִי פִּיס, דִי בַּאק, דִי צוּרִיסֶענֶע, הָאלֶעוֶועס... דֶעמֶעלְט וָואלְט

אִיךְ אֶפְשֶׁר עֶפִּיס גֶעוואוּסְט? עֶס וָואלְט אַ יוֹשֶׁר גֶעוֶועזְן גֶעפְּרִיוֶוען ...

— וֶוען זִי זָאל עֶס נוּר הֵייסֶען. וָואלְט אִיךְ עֶס בַּיי אִיהם גֶעפְּרִיוְוט.

ספר

# כְּלִיל הַמְחַנֵּךְ.

יכיל כל כללי הדקדוק לפי סדר החנוכים הבאים בספר המחנך, ללמד דקדוק שפת עבר בדרך קלה, קצרה ופשוטה, מאת י. י. אינדיצקי בו יבואו כל כללי הדקדוק, במועט המחזיק את המרובה, כי כללתי בו נטיות כל הפעלים, השמות והכנויים, בדרך נסיוני (פראקטיק) אחרי כל גזרה וגזרה נתתי הרבה מלות השייכות לגזרה ההיא ונוטות כמוה לכל כלליה ופרטיה, ובכל מקום אשר מצאתי איזה מלה היוצאת מן הכלל הידוע, השכלתי לתת גם לה מקום בהערה להעיר את אזן התלמידים למען לא יכשלו בה; וגם בשמות אחרי כל שם ושם נתתי הרבה מלות הנוטות כשם ההוא, גם הרבה כללי שמושי הלשון נתתי בספרי זה ובסופו נתתי חמשה לוחות: א) שמות ממין זכר הבאים ברבים בסימן נקבה. ב) שמות ממין נקבה הבאים ברבים בסימן זכר. ג) שמות ממין נקבה אשר אין בהם סימן נקבה. ד) שמות הבאים ברבים בסימן זכר ובסימן נקבה. ה) שמות הבאים רק במספר רבים. ונלוה לו בסופו חנוכים לנסיון לעשות את תורת התלמיד קבע במוחו והלכה למעשה.

מחירו 40 קאפ׳ עם פּארטאָ, למו"ס ראבאט כנהוג. —

## מפתח ההעתקות לס׳ המחנך.

יכיל כל ההעתקות הבאות בס׳ המחנך, כל המלות מנקדות הן לתועלת המתלמדים. מאת „י. י. אינדיצקי" מחירו 20 קאָפּ. עם פּאָרטאָ.

## מפתח ההעתקות לס׳ המתרגם.

יכיל כל ההעתקות הבאות בס׳ המתרגם. מחירו 25 קאָפּ עם פּאָרטאָ.

אדרעססע:

Книжный Магазинъ Исаака Функа Вильна.